## תלמוד תורה "יטב לב" דרבינו יואל

## מסאטמאר

נתייסדה ע"י כ"ק מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע

בהמשכת כ"ק מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן רבינו שליט"א

**בעיה"ק ירושלים תובב"א**

**בעזהשי"ת**

# יום כיפור




**די עבודה פונעם כהן גדול**

**יונה הנביא אין די בויך פונעם פיש**

# כתה ג'

**המלמד:** הר"ר **יואל יאקאב** הי"ו

© כל הזכויות שמורות

# דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּנֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל

### אִין יוֹם הַכִּפּוּרִים

## זִיבְּן טֶעג פַאר יוֹם כִּפּוּר הָאט מֶען אָפְּגֶעשֵׁיידְט דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל

זִיבְּן טֶעג פַאר יוֹם כִּפּוּר הָאט מֶען אָפְּגֶעשֵׁיידְט דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל פוּן זַיין שְׁטוּבּ, צוּם הֵיילִיגְן בֵּית הַמִקְדָשׁ אִין דֶעם לִשְׁכַּת פַּרְהֶדְרִין, וָואס אִיז גֶעוֶוען גֶעבּוֹיעֶט נֶעבְּן דִי עֲזָרָה, וָואס דָאס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן דִי עֲזָרָה כְּדֵי דֶער כֹּהֵן זָאל דָארְט מֶעגְן שְׁלָאפְן.

דָאס אָפְּשֵׁיידוּנְג אִיז גֶעוֶוען כְּדֵי דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל זָאל זִיךְ הֵיילִיגְן אוּן קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין מַחֲנֶה שְׁכִינָה, עֶר זָאל הָאבְּן דִי מֶעגְלִיכְקַייט צוּ אַרַיינְטְרַאכְטְן דִי גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה וָואס עֶר אַלֵיין גֵייט מַאכְן אִין דֶעם הֵיילִיגְ'סטְן טָאג פוּנֶעם יָאר.

זִיבְּן טֶעג פַאר יוֹם כִּפּוּר הָאט מֶען צוּגֶעגְרֵייט אִין שְׁטוּבּ פוּנֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל זִילְבֶּערְנֶע שְׁטוּהלְן פַארְן אַב בֵּית דִין, פַארְן נָשִׂיא, אוּן פַאר דֶעם סְגָן כֹּהֵן גָּדוֹל אוּן פַאר דֶעם קֶענִיג, אוֹיסֶער דֶעם הָאט מֶען צוּגֶעגְרֵייט זִיבֶּעצִיג זִילְבֶּערְנֶע שְׁטוּהלְן פַאר דִי זִיבֶּעצִיג סַנְהֶדְרִין.

וֶוען אַלֶע זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען פַארְזַאמְלט הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דֶער עֶלְטְסְטֶער פוּן דִי כֹּהֲנִים אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן מִיטְן כֹּהֵן מִיט דִי וֶוערְטֶער:

**"זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען פַארְוֶועמֶען דוּ שְׁטֵייסְט, וֶוען דוּ גֵייסְט אַרַיין אִין קֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים, אוּן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פַארְלִירְן דִי רִיכְטִיגֶע כַּוָּנָה וֶועסְטוּ חָלִילָה גְלַייךְ שְׁטַארְבְּן, אוּן עֶס וֶועט פַארְלוֹירְן וֶוערְן דִי פַארְגֶעבּוּנג פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דִי אוֹיגְן פוּן אַלֶע אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוענְדֶעט אִין דִיר. זִיךְ נָאךְ דַיינֶע וֶועגְן צוּ דוּ הָאסְט עֶפֶּעס אַ זִינְד".**

דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט מִיט גְרוֹיס גֶעוֵויין גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן עֶרְקְלֶערְט זַיינֶע רֵייד: אַז עֶר טוּהְט תְּשׁוּבָה אוֹיף אַלֶעס וָואס קוּקְט אוֹיס אִין זַיינֶע אוֹיגְן וִוי אַ זִינְד, דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט בַּאשְׁווֹאוֹירְן דִי כֹּהֲנִים אִין נָאמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַז אוֹיבּ וֵוייסְט אֵיינֶער אוֹיפְן אַנְדֶערְן עֶפֶּעס אַ זִינְד מוּז עֶר דָאס אוֹיסְזָאגְן כְּדֵי יֶענֶער זָאל נָאךְ הָאבְּן צַייט צוּ תְּשׁוּבָה טוּהְן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער קֶענִיג גֶעהַאלְטְן אַ קוּרְצֶע דְרָשָׁה, אוּן דֶערְמַאנְט פַארְן כֹּהֵן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה וָואס לִיגְט אוֹיף אִים, אוּן עֶר הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט אִים מְכַבֵּד זַיין, וֶוען עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַרוֹיסְקוּמֶען נָאךְ דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה.

## מֶען בַּאגְלֵייט דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל

נָאכְדֶעם הָאט מֶען מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל אוֹיסְגֶערוּפְן אַז מֶען גֵייט בַּאגְלֵייטְן דֶעם כֹּהֵן, דִי עֶרְשְׁטֶע זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעהֶערְט צוּ דִי קֶענִיגְלִיכֶע מִשְׁפָּחָה, נָאכְדֶעם זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען דִי לְוִיִּם, דִי לְוִיִּם זֶענֶען גֶעוֶוען צוּזַאמֶען זֶעקְס אוּן

דְרַייסִיג טוֹיזְנְט, זֵייעֶרע אַלֶע סְגַנִים זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּהְן מִיט זַיידֶענֶע הֶעל בְּלוֹיֶע הֶעמְדֶער.

נָאכְדֶעם זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט כֹּהֲנִים מִיט וַוייסֶע זַיידֶענֶע הֶעמְדֶער, נָאכְדֶעם זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען דִי זִינְגֶערְס מוּזִיקַאנְטְן, שְׁפִּילֶערְ׳ס פוּן דִי לְוִיִם, נָאךְ זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען דִי וָואס הָאבְּן גֶעבְּלָאזְן מִיט דִי שׁוֹפְרוֹת, נָאךְ זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען דִי טוֹיעֶרְן הִיטֶערְ׳ס, נָאךְ זֵיי דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי קְטֹרֶת, נָאךְ זֵיי דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי פָּרֹכֶת, נָאךְ זֵיי דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעטְרָאגְן דִי בֶּענְקְלֶעךְ, נָאךְ זֵיי דִי זִיבֶּעצִיג דַיָינִים.

נָאכְדֶעם זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען הוּנְדֶערְט כֹּהֲנִים מִיט זִילְבֶּערְנֶע שְׁטֶעקֶענֶעס אִין דִי הֶענְט כְּדֵי צוּ מַאכְן פְּלַאץ אוֹיפְן וֶועג, אוּן נָאךְ זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען דִי עֶלְטְסְטֶע פוּן דִי כֹּהֲנִים וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צְוֵויי צְוֵויי, אוּן נָאךְ דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל.

יֶעדֶע פְּלַאץ וִוי דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אִיז דוֹרֵך גֶעגַאנְגֶען זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִין עֶק גַאס גְרוֹיסֶע רָאשֵׁי יְשִׁיבָה אוּן הָאבְּן אוֹיסְגֶערוּפְן ״בָּרוּךְ הַבָּא! גְרוֹיסֶער כֹּהֵן גָּדוֹל! זָאל זֵיין דַיין קוּמֶען צוּ פְרִידְן, בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא עֶר זָאל אוּנְז גֶעבְּן דָאס לֶעבְּן, מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען בַּאשֶׁעפְטִיגְן אִין זֵיין תּוֹרָה״.

אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי אַרַיינְגַאנְג פוּן הַר הַבַּיִת הָאבְּן זֵיי דָארְט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוֹיף מַלְכוּת בַּיִת דָוִד, אוּן נָאכְדֶעם אוֹיף דִי כֹּהֲנִים, אוּן אוֹיפְן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוֹיף דֶעם הָאבְּן אַלֶע פַארְזַאמְלְטֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט אָמֵן.

און מִיט דִי בַּאגְלֵייטוּנְג פוּן צְוֵויי אַלְטֶע כֹּהֲנִים אִיז עֶר אַרַייְנְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶער לִשְׁכַּת פַּרְהֶדְרִין און עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשֵׁייד מִיט גֶעוֵויין.

דָאס אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען ג׳ תִּשְׁרֵי צוּם גְּדַלְיָה.

## מֶען גְרֵייט צוּ אַ סְגַן פַארְן כֹּהֵן גָדוֹל

אוֹיךְ הָאט מֶען אִין דִי זִיבְּן טֶעג אָנְגֶעגְרֵייט אַ אַנְדֶער כֹּהֵן וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער "סְגַן כֹּהֵן גָּדוֹל" אַז עֶר זָאל זַיין גְרֵייט אוֹיבּ חָלִילָה דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל וֶוערְט טָמֵא און עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען אַרַייְנְגֵיין דִינֶען דִי עֲבוֹדָה אִין קֹדֶשׁ הַקֳדָשִׁים, זָאל עֶר זַיין גְרֵייט צוּ אִיבֶּער נֶעמֶען דִי עֲבוֹדָה.

דֶער סְגַן כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט מֶען נִישְׁט אָפְּגֶעשֵׁייד צוּ דֶעם זֶעלְבְּן לִשְׁכָּה וִוי דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אִיז גֶעוֶוען, נָאר מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל זִיךְ רֵייניִגְן דֶעם דְרִיטְן טָאג און דֶעם זִיבֶּעטן טָאג, אוֹיךְ הָאט מֶען פַאר אִים גֶעגְרֵייט אִין דִי זִיבֶּעטְן טָאג גָאלְדֶענֶע בִּגְדֵי כְּהֻנָּה אַז דָאס זָאל זַיין פּוּנְקְטְלִיךְ לוֹיט זַיין מָאס.

## דָאס שְׁפְּרִיצְן אוֹיפְן כֹּהֵן גָּדוֹל

אִין דֶעם דְרִיטְן טָאג און אִין דֶעם זִיבֶּעטְן טָאג וָואס מֶען הָאט אִים אָפְּגֶעשֵׁייד, הָאט אַ מֶענְטְש וָואס אִיז גֶעוֶוען טָהוֹר גֶעשְׁפְּרִיצְט אוֹיפְן כֹּהֵן גָּדוֹל פוּן דֶעם "אֵפֶר הַפָּרָה" נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט דָאס אֵייְנְגֶעטִינְקֶען אִין "מֵי חַטָּאת".

## מֶען לֶערְנְט מִיטְן כֹּהֵן גָּדוֹל

יֶעדְן טָאג פוּן דִי זִיבְּן טֶעג, זֶענֶען אַרִיבֶּער גֶעקוּמֶען צוּם כֹּהֵן צְווֵיי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים פוּן דִי סַנְהֶדְרִין, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט מִיט אִים דִי עֲבוֹדָה פוּן יוֹם כִּפּוּר פוּן פָּרָשַׁת "אַחֲרֵי" מִיט אַלֶע הֲלָכוֹת וָואס הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת צוּ דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, כְּדֵי עֶר זָאל שׁוֹין זַיְין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דִי סֵדֶר פוּן דִי עֲבוֹדָה, אוּן עֶר זָאל גָארְנִישְׁט פַארְגֶעסְן. נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט מִיט אִים הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט "זָאג אִיבֶּער מִיט דַיְין מוֹיל אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן דִיר יֶעצְט אוֹיסגֶעלֶערְנְט".

## מֶען פִירְט אַרִיבֶּער אַלֶע קָרְבָּנוֹת פַארְ'ן כֹּהֵן גָּדוֹל

עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר אִינְדֶערְפְרִי הָאט מֶען גֶעשְׁטֶעלְט דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל בַּיים מִזְרָח זַיְיט פוּן דִי עֲזָרָה נֶעבְּן דֶער "שַׁעַר הַנִּקָנוֹר" דֶעמָאלְטְס הָאט מֶען אַרִיבֶּער גֶעפִירְט פַארְן כֹּהֵן גָּדוֹל דִי אָקְסְן אוּן דִי ווִידֶער, אוּן דִי שֶׁעפְ אוּן דִי אַלֶע קָרְבָּנוֹת וָואס מֶען הָאט אָנְגֶעגְרֵייט פַאר דֶעם מָארְגְן'דִיגֶע עֲבוֹדָה, כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ בַּאקֶענֶען מִיט אַלֶע קָרְבָּנוֹת וָואס עֶר וֶועט דַארְפְן מָארְגְן מַקְרִיב זַיְין, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי עֲבוֹדָה פוּן יֶעדֶע בְּהֵמָה.

## עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר פַארנַאכְטְס

עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר פַארְנַאכְטס בַּיי דִי סְעֻדָּה פוּן עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר כָאטשׁ עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ עֶסְן, דָאךְ הָאט מֶען שׁוֹין נִישְׁט

געלָאזט דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל עֶסְן אַסַאךְ, ווייל עֶר הָאט גֶעדַארפְּט בְּלייבְּן אוֹיף אַ גַאנְצֶע נאַכְט, און אַסַאךְ עֶסְן בְּרֶענְגט מֶען זָאל איינְשְׁלָאפְן, און מֶען הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אוֹיבּ חָלִילָה דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל ווֶעט אַיינְשְׁלָאפְן ווֶעט עֶר נִישְׁט קֶענֶען טוּהן אוֹיף מָארְגְן דִי עֲבוֹדָה.

דִי צְוֵויי זְקֵנִים פוּן דִי סַנְהֶדְרִין ווֶעלְכֶע הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אַ גַאנְצֶע ווָאךְ מִיט דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל, הָאבְּן עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר פַאְרנַאכְטס אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל פַאר דִי אַלְטֶע כֹּהֲנִים אַז זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מִיט אִים ווִי אַזוֹי אַרַיין צוּ שַׁארְן דֶעם קְטֹרֶת פוּן דִי לֶעפֶל אִין דִי גוֹיפְנְס ווייל דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן דִי שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דִי אַלְטֶע כֹּהֲנִים הָאבְּן אִים אַרוֹיפְגֶענוּמֶען אִין דֶעם שְׁטוּבּ ווָאס מֶען הָאט גֶערוּפְן "בֵּית אבְטִינָס" דָארְט הָאבְּן זֵיי אִים דָאס אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אִין דִי לִשְׁכַּת "בֵּית אַבְטִינָס" אִיז דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל גֶעבְּלִיבְּן אַ גַאנְצֶע נאַכְט פוּן יוֹם כִּפּוּר בִּיז אִינְדֶערפְרִי ווֶען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט צוּ שֶׁחְט'ן דֶעם קָרְבָּן תָּמִיד.

## מֶען בַּאשְׁוֶוערְט דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל

דִי אַלְטֶע כֹּהֲנִים הָאבְּן בַּאשְׁוואוּירְן דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל אַז עֶר זָאל טוּהן דִי עֲבוֹדָה נָאר אַזוֹי ווִי מֶען הָאט אִים גֶעלֶערְנְט, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט, אוּנְזֶער הֶער כֹּהֵן גָּדוֹל, "מִיר כֹּהֲנִים זֶענֶען שְׁלוּחִים פוּן דִי צְוֵויי אַלְטֶע פוּן דִי סַנְהֶדְרִין ווָאס זֵיי הָאבְּן דִּיר פַאר אוּנְז אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן, מִיר בַּאשְׁוֶוערְן דִיר מִיטְן נָאמֶען פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן ווָאס עֶר רוּהט אִין דֶעם הוֹיז (אִין ביהמ"ק), אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַנְדֶערְשׁ טָאן דִי עֲבוֹדָה ווִי מִיר הָאבְּן דִּיר

אָנְגֶעזָאגְט, דִי גַאנְצֶע פָּאלְק פַּארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף דִּיר אוּן דוּרְךְ דַיין עֲבוֹדָה וֶועט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער מוֹחֵל זַיין".

## מֶען בַּאשֶׁעפְטִיגְט דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל יוֹם כִּפּוּר בַּיינַאכְט

כְּדֵי דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל זָאל נִישְׁט טָמֵא וֶוערְן אוּן עֶר זָאל נִישְׁט פָּסוּל וֶוערְן צוּ טוּהן דִי עֲבוֹדָה, הָאט מֶען בַּאשֶׁעפְטִיגְט דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל אַ גַאנְצֶע נַאכְט אַז עֶר זָאל נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן, דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶע'דַרְשׁ'נְט פַּאר אִים אַ גַאנְצֶע נַאכְט הֲלָכוֹת, מֶען הָאט אוֹיךְ גֶעלֵיינְט פַּאר אִים פוּן סֵפֶר אִיּוֹב, עֶזְרָא, דִּבְרֵי הַיָּמִים, וַוייל זֵיי זֶענֶען אִינְטֶרֶעסַאנְט אוּן צִיעֶהן דָאס הַארְץ פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן וֶוען דֶער כֹּהֵן וֶועט הֶערְן דִי אַלֶע זַאכְן וֶועט דָאס אִים צוּרִיק הַאלְטְן פוּן שְׁלָאפְן.



הָאבְּן דִי יוּנְגֶע כֹּהֲנִים גֶעקְנַאקְט מִיטְן פִינְגֶער

אוֹיבּ דִי אַלֶע זַאכְן הָאט נִישְׁט גֶעהָאלפְּן, הָאבְּן דִי יוּנְגֶע כֹּהֲנִים גֶעקְנַאקְט מִיטְן פִינְגֶער אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אוּן אָפְּקִילְן דִי פִּיס אוֹיף דִי קַאלְטֶע שְׁטֵיינֶער פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעזָאגְט פַארְן כֹּהֵן גָּדוֹל עֶר זָאל זֵיי וַוייזְן אַ קִינְץ וִוי אַזוֹי עֶר שְׁטֶעקְט אֵיין זַיינֶע פִינְגֶער אִין דֶער עֶרְד אוּן בֵּייגְט זִיךְ אַרָאפּ אוּן קִישְׁט דִי עֶרְד אוּן עֶר הֵייבְּט זִיךְ נָאךְ אוֹיף אָן אַ הִילְף פוּן זֵיין הַאנְט, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען אִים בַּאשֶׁעפְטִיגְט בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן טָאג.

דִי חָשׁוּבֶע מֶענְטְשְׁן פוּן יְרוּשָׁלַיִם זֶענֶען נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, כְּדֵי דֶער כֹּהֵן זָאל הֶערְן אַ גְרוֹיסְן גֶערִידֶער פוּן זֵייעֶר לֶערְנֶען וֶועט עֶר נִישְׁט קֶענֶען אַיינְשְׁלָאפְן.

## יוֹם הַכִּפּוּרִים פַארְטָאגְס

וֶוען עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי צַייט וָואס מֶען מֶעג שׁוֹין שֶׁחְט'ן דֶעם קָרְבָּן תָּמִיד פוּן אִינְדֶערְפְרִי, הָאט דֶער אָנְפִירֶער פוּן דִי עֲבוֹדָה אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ גֶעזָאגְט פַאר דִי כֹּהֲנִים וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען, גֵייטְס אַרוֹיס פוּן דִי "לִשְׁכַּת הַגָּזִית" אוּן גֵייטְס אַרוֹיף אוֹיף אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ אוּן קוּקְט'ס אוֹיף מִזְרָח זַיִיט אוֹיבּ דִי הִימְל לַייכְט שׁוֹין, אוֹיבּ עֶס אִיז שׁוֹין דִי צַייט צוּ שֶׁחְט'ן דֶעם קָרְבָּן תָּמִיד.

אוֹיבּ יֶענֶער הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶס טָאגְ'ט שׁוֹין, הָאט דֶער וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטְן גֶעפְרֶעגְט, אוֹיבּ דִי לִיכְטִיגְקֵייט קוּמְט שׁוֹין בִּיז חֶבְרוֹן, הָאט דֶער וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיבְן גֶעעֶנְטְפֶערְט: יָא עֶס הָאט שׁוֹין דֶערְגְרֵייכְט בִּיז חֶבְרוֹן, דָאס

הָאט עֶר גֶעזָאגְט כְּדֵי צוּ דֶערְמַאנֶען דִי זְכוּת פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע עֶלְטֶערְן וָואס לִיגְן אִין חֶבְרוֹן.

דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן דֶעם "לִשְׁכַּת בֵּית אַבְטִינַס" אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דָרוֹם זַיִיט פוּן דִי עֲזָרָה זִיךְ צוּ טוֹבְלְ'ן אִין אַ מִקְוֶה וָואס אִיז גֶעוֶוען גֶעבּוֹיעֶט אוֹיפְן דַאךְ פוּן דִי עֲזָרָה.

## דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל טוּהְט זִיךְ אָן דִי גָאלְדֶענֶע קְלֵיידֶער

נָאכְן זִיךְ טוֹבְלְ'ן הָאבְּן דִי כֹּהֲנִים גֶעבְּרֶענְגט פַארְן כֹּהֵן גָּדוֹל זַיינֶע אַכְט גָאלְדֶענֶע קְלֵיידֶער וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעטָאן אַ גַאנְץ יָאר וֶוען עֶר הָאט גֶעטוּהן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, אוּן עֶר דָאס דֶעמָאלְטְס אָנְגֶעטוּהְן.

## עֶר הֵיילִיגְט זִיךְ דִי הֶענְט מִיט דִי פִּיס

נָאכְן זִיךְ אָנְטוּהן דִי קְלֵיידֶער הָאט עֶר גֶעהֵיילִיגְט זַיינֶע הֶענְט מִיט דִי פִּיס צוּזַאמֶען, אַזוֹי וִוי דִי מִצְוָה אִיז, יוֹם כִּפּוּר הָאט מֶען גֶעגָאסְן דִי וַואסֶער פוּן אַ גָאלְדֶענֶעם קְרִיגְל, (אַנְדֶערְשׁ וִוי אַ גַאנְץ יָאר) אִין דִי צַייט וֶוען דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט זִיךְ גֶעהֵיילִיגְט זַיינֶע הֶענְט מִיט דִי פִּיס הָאט עֶר גֶעלֵייגְט זֵיין רֶעכְטֶע הַאנְט אוֹיף זֵיין רֶעכְטֶע פִּיס אוּן זֵיין לִינְקֶע הַאנְט אוֹיף זֵיין לִינְקֶע פִּיס, אוּן וִוִיבַּאלְד דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט גֶעדַארְפְט דֶעמָאלְטְס שְׁטֵיין הָאט עֶר זִיךְ אַיינְגֶעבּוֹיגְן אוּן הָאט גֶערִיבְּן דִי הֶענְט אוֹיף דִי פִּיס, אוּן אַ צְוֵוייטֶער הָאט גֶעגָאסְן דָאס וַואסֶער אוֹיף זַיינֶע הֶענְט מִיט דִי פִּיס.

# דִי קָרְבָּן תָּמִיד פוּן אִינְדֶערְפְרִי

נָאכְדֶעם וָואס דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט זִיךְ אָנְגֶעטָאן דִי אַכְט גָאלְדֶענֶע קְלֵיידֶער, וֶוען ס'אִיז נָאךְ גֶעוֶוען פַארְטָאגְס בַּיים עֲלוֹת הַשַּׁחַר הָאט מֶען אִים גֶעבְּרֶענְגט אַ שֶׁעפְּסֶעלֶע פַאר דֶעם קָרְבָּן תָּמִיד פוּן אִינְדֶערְפְרִי, מֶען הָאט דָאס גֶעבְּרֶענְגט צוֹם "לִשְׁכַּת הַגָּזִית" וְוי דִי סַנְהֶדְרִין הָאבְּן דָאס בַּאקוּקְט אוֹיבּ ס'הָאט נִישְׁט קֵיין פֶעלֶער, נָאכְדֶעם הָאט מֶען גֶעגֶעבְּן וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען פַאר דִי שֶׁעפְּסֶעלֶע אִין אַ גָאלְדֶענֶעם גְלָאז, כְּדֵי מֶען זָאל גְרִינְג קֶענֶען אָפְּשִׁינְדְן דִי הוֹיט.

פַאר דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שֶׁחְט'ן דֶעם קָרְבָּן תָּמִיד הָאט עֶר גֶעוַוארְט בִּיז מֶען הָאט גֶעעֶפְנְט דֶעם טִיר פוּנֶעם הֵיכָל, אוּן בְּשַׁעַת וֶוען מֶען הָאט גֶעעֶפְנְט דִי טִיר הָאט מֶען גֶעבְּלָאזְן דְרַיי תְּקִיעוֹת, דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שֶׁחְט'ן, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט דָאס גַאנְצֶע שֶׁחְט'ן נָאר אַ אַנְדֶער כֹּהֵן הָאט דָאס צוּגֶעעֶנְדִיגְט.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל גֶענוּמֶען דָאס בְּלוּט פוּן דֶעם קָרְבָּן תָּמִיד, עֶר הָאט גֶעלֵייגְט בֶּעקְן (אַ מִין סָארְט שִׁיסְל) וָואס אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעגְרֵייט פַאר אִים אוּנְטֶערְן הַאלְדז פוּנֶעם קָרְבָּן כְּדֵי ס'זָאל אַרַיין רִינֶען דִי גַאנְצֶע בְּלוּט, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעפִירְט דָאס בְּלוּט צוּ דִי "מִזְבֵּחַ הַחִיצוֹן" אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁפְּרִיצְט דָאס בְּלוּט.

נָאכְדֶעם אִיז דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אַרַיין אִינֶעם הֵיכָל צוּ מַקְטִיר זַיין דֶעם "קְטֹרֶת שֶׁל שַׁחַר" דִי קְטֹרֶת פוּן אִינְדֶערְפְרִי, וָואס מֶען הָאט יֶעדְן טָאג מַקְטִיר גֶעוֶוען אוֹיף דִי גָאלְדֶענֶע מִזְבֵּחַ, דָאס אִיז אוֹיסֶער דִי קְטֹרֶת וָואס מֶען הָאט מַקְטִיר גֶעוֶוען יוֹם כִּפּוּר אִין קֹדֶשׁ הַקָּדָשִׁים.

בִּשְׁעַת וֶוען דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט מַקְטִיר גֶעוֶוען דֶעם קְטֹרֶת פוּן אִינְדֶערְפְרִי הָאט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעטָארְט זֵיין אִינֶעם הֵיכָל , דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט גֶעוַוארְט בִּיז דִי הֵיכָל אִיז פִּיל גֶעוָוארְן מִיט רוֹיעֶך, נָאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט מַקְטִיר זֵיין דֶעם קְטֹרֶת שֶׁל שַׁחַר הָאט עֶר זִיךְ גֶעבִּיקְט אוּן עֶר אִיז אַרוֹיס פוּנֶעם הֵיכָל.

## דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל גְרֵייט אָן דִי מְנוֹרָה אִינְדֶערְפְרִי

נָאכְדֶעם הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אָנְגֶעגְרֵייט דִי לֶעמְפְּלֶעך פוּן דִי מְנוֹרָה, עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אַלְטֶע פַארְבְּרֶענְטֶע קְנוֹיטְן, אוּן הָאט אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט דִי מְנוֹרָה פוּן דִי אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּענֶע שֶׁמֶן וָואס מֶען הָאט אָנְגֶעצִינְדְן עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר, אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט נַיֶיע קְנוֹיטְן אוּן נַיֶיע שֶׁמֶן אִין דִי מְנוֹרָה.

## בִּרְכַּת כֹּהֲנִים

נָאכְן מַקְרִיב זֵיין דִי אֵבָרִים פוּנֶעם קָרְבָּן, הָאבְּן דִי כֹּהֲנִים גֶעדוּכְנ'ט אוּן הָאבְּן גֶעבֶּענְטְשְׁט דִי אִידְן, דִי כֹּהֲנִים זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי טְרֶעפּ, אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוּן גֶעבֶּעטְן "עֶס זָאל זֵיין דֶער וִוילְן פוּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז דִי בְּרָכָה וָואס דוּ הָאסְט אוּנְז בַּאפוֹילְן אַז מִיר זָאלְן בֶּענְטְשְׁן דִי אִידְן זָאל זֵיין אַ גַאנְצֶע בְּרָכָה, עֶס זָאל נִישְׁט זֵיין קֵיין שׁוּם שְׁטְרוֹיכְלוּנְג פוּן יֶעצְט בִּיז אֵייבִּיג".

נָאכְן דוּכְנ'עְן הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל מַקְרִיב גֶעוֶוען דֶעם "מִנְחַת תָּמִיד" מִיט דִי "מִנְחַת חֲבִיתִין" נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט מַקְרִיב גֶעוֶוען דֶעם מִנְחַת חֲבִיתִין אִינְדֶערְפְרִי, הָאט מֶען גֶעגָאסְן אַ פֶּערְטְל הִן וַויין אוֹיפְן מִזְבֵּחַ.

בִּשְׁעַת וֶוען מֶען הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דָאס וַויין פַּאר דֶעם כֹּהֵן וָואס הָאט דָאס גֶעגָאסְן, זֶענֶען צְוֵויי כֹּהֲנִים גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דֶעם טִישׁ וִוי מֶען הָאט גֶעלֵייגט דִי פֶּעטְנס, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאלְטְן צְוֵויי חֲצוֹצְרוֹת אִין זֵייעֶרֶע הֶענְט, דֶער סְגַן כֹּהֵן גָּדוֹל אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים וִוינְקְל פוּן מִזְבֵּחַ, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַ טִיכְל אִין זֵיין הַאנְט כְּדֵי עֶר זָאל דָאס קֶענֶען אוֹיפְהֵייבְּן אוּן וַוייזְן אַז וֶוען דֶער כֹּהֵן וֶועט גִיסְן דִי וַויין, זָאלְן זִיךְ דִי לְוִיִּם גְלַייךְ נֶעמֶען זִינְגֶען, קֹדֶם הָאט מֶען גֶעבְּלָאזְן אַ "תְּקִיעָה תְּרוּעָה תְּקִיעָה"

וֶוען דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט גֶעגָאסְן, דֶעמָאלְטְס הָאט דֶער סְגַן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי טִיכְל אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען בְּלָאזְן, אוּן אַלֶע לְוִיִּם הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען זִינְגֶען, וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם סוֹף הָאט מֶען נָאכְאַמָאל גֶעבְּלָאזְן אַ "תְּקִיעָה תְּרוּעָה תְּקִיעָה" אוּן דִי גַאנְצֶע פָּאלְק הָאט זִיךְ גֶעבּוּקְט צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶּער.

## דִי קָרְבָּנוֹת פוּן מוּסָף

עֶס אִיז דָא אַ מִצְוָה פוּן מַקְרִיב זֵיין אַ קָרְבָּן מוּסָף יוֹם הַכִּפּוּרִים, נָאכְן עֶנְדִיגְן דֶעם סֵדֶר פוּן "קָרְבָּן תָּמִיד שֶׁל שַׁחַר" הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל מַקְרִיב גֶעוֶוען דִי קָרְבָּנוֹת פוּן מוּסָף, וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אַ קָרְבָּן עוֹלָה, אֵיין אָקְס פוּן אַלְט צְוֵויי יָאר, מִיט זִיבְּן שֶׁעפְ פוּן אֵיין יָאר אַלְט, מֶען הָאט דָאס גֶעבְּרֶענְגט אוֹיפְן צָפוּן זַייט פוּן דִי מִזְבֵּחַ, מֶען הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן צוּ טְרִינְקֶען

וַואסֶער אִין גָאלְדֶענֶע בֶּעכֶער'ס, און מֶען הָאט זֵיי נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְגֶעקוּקְט אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין פֶּעלֶער'ס.

דֶער סֵדֶר פוּן דִי קָרְבָּנוֹת אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי אַלֶע פְרִיעֶרְדִיגְע קָרְבָּנוֹת, דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט נָאר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שֶׁחְט'ן דִי קָרְבָּנוֹת און אַ אַנדֶער כֹּהֵן הָאט צוּ גֶעעֶנְדִיגְט דָאס שֶׁחְט'ן, נָאכְדֶעם הָאט דֶער כֹּהֵן גָדוֹל מַקְטִיר גֶעוֶוען דִי אֵבָרִים.

מִיט דֶעם הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט דִי עֲבוֹדָה מִיט דִי גָאלְדֶענֶע קְלֵיידֶער, פַאר דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט זִיךְ גֶע'טוֹבְל'ט דֶעם צְוֵוייטְן מָאל.

## דֶער כֹּהֵן גָדוֹל טוּט אָן דִי וַוְיסֶע קְלֵיידֶער

נָאכְדֶעם וָואס דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט גֶעעֶנְדִיגְט צוּ מַקְרִיב זַיין דִי קָרְבָּנוֹת פוּן מוּסָף, פַאר עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טוּהן דִי הֵיילִיגֶע סְפֶּעצִיעֶלֶע עֲבוֹדָה פוּן יוֹם הַכִּפּוּרִים, הָאט זִיךְ דֶער כֹּהֵן גָדוֹל גֶע'טוֹבְל'ט.

וֶוען דֶער כֹּהֵן גָדוֹל אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דִי מִקְוֶה, הָאט מֶען אִים גֶעבְּרֶענְגְט דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע פִיר וַוְיסֶע קְלֵיידֶער וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען "מִכְנָסַיִם-הוֹיזְן" "כְּתוֹנֶת-הֶעמֶד" "מִצְנֶפֶת-הוּט" "אַבְנֵט-גַארְטְל" און עֶר הָאט דָאס אָנְגֶעטוּהְן, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעהֵיילִיגְט זַיינֶע הֶענְט מִיט דִי פִּיס פוּן אַ גָאלְדֶענֶעם קְרִיגל

(דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט טוּהן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּן יוֹם כִּפּוּר מִיט דִי אַכְט גָאלְדֶענֶע קְלֵיידֶער, וַוייל דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט בַּיים עֵגֶל מִיט גָאלְד, קֶען מֶען נִישְׁט קוּמֶען מִיט דִי גָאלְדֶענֶע קְלֵיידֶער מְכַפֵּר זַיין אוֹיף דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער).

# דִי עֶרְשְׁטֶע וִדוּי

נָאכְדֶעם וָואס דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט זִיךְ אָנְגֶעטָאן דִי פִּיר וַוייְסֶע קְלֵיידֶער, אִיז עֶר קֹדֶם גֶעקוּמֶען נֶעבְּן זֵיין אָקְס, (דִי אָקְס אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי אֵייגֶענֶע גֶעלְט פוּנֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל) זֵיין אָקְס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין צָפוּן זַיִיט פוּן דֶעם מִזְבֵּחַ הַחִיצוֹן, דֶער כֹּהֵן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען מִיט זֵיין רוּקְן אוֹיף מִזְרָח זַיִיט און זֵיין פָּנִים אוֹיף מַעֲרָב זַיִיט, עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען מִיט גְרוֹיס צִיטֶער פַארְן הֵייליגְן בַּאשֶׁעפֶער און גֶעזָאגְט וִדוּי, און עֶר הָאט אָנְגֶעלַאנְט מִיט זֵיין גַאנְצְן כֹּחַ זַיינֶע בֵּיידֶע הֶענְט אוֹיפְן קָרְבָּן צְווִישְׁן דִי הֶערְנֶער און עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי מִתוַדָּה גֶעוֶוען,



עֶר הָאט אָנְגֶעלַאנְט מִיט זֵיין גַאנְצְן כֹּחַ בֵּיידֶע הֶענְט אוֹיפְן קָרְבָּן

דֶער עֶרְשְׁטֶער וִדוּי הָאט מְכַפֵּר גֶעוֶוען אוֹיפְן כֹּהֵן גָּדוֹל אוֹיף דִי עֲבֵרָה אוֹיב עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אַז עֶר אִיז טָמֵא גֶעוָוארְן אוּן עֶר אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִקְדָש.

דִי נוּסַח פוּן דִי וִדוּי אִיז "אָנָא הַשֵּׁם" אִיךְ בֶּעט דִיר בַּאשֶׁעפֶער, "חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי" אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט אוּן גֶעטָאן עֲבֵרוֹת אוּן אִיךְ בִּין ווִידֶער-שֶׁפֶּענִיג, "לְפָנֶיךָ" פַאר דִיר, "אֲנִי וּבֵתִי" אִיךְ אוּן מֵיין הוֹיז גֶעזִינְד, "אָנָא בַּשֵּׁם" אִיךְ בֶּעט דִיר בַּאשֶׁעפֶער, "כַּפֵּר נָא" אִיךְ בֶּעט דִיר פַּארְצֵיי, "לַחֲטָאִים" פוּן דִי אוּמווִילִיגֶע עֲבֵרוֹת, "וּלְעֲוֹנוֹת" אוּן פַאר דִי עֲבֵרוֹת, "וְלִפְשָׁעִים" אוּן פַאר דִי עֲבֵרוֹת מִיט דִי ווִידֶער-שְׁפֶּענִיגְקֵייט, "שֶׁחָטָאתִי וְשֶׁעָוִיתִי וְשֶׁפָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ" וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט אוּן גֶעטָאן עֲבֵרוֹת אוּן ווִידֶער גֶעשְׁפֶּענִיגְט פַאר דִיר, "אֲנִי וּבֵיתִי" אִיךְ אִין מֵיין הוֹיז גֶעזִינְד, "מִכָּל חַטֹאותֵיכֶם" פוּן אַלֶע אֵייעֶרֶע זִינְד, "לִפְנֵי ה'" פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

אַלֶע כֹּהֲנִים אוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִין דִי עֲזָרָה נָאנְט צוּם כֹּהֵן גָּדוֹל, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט דֶעם פָּארְכטִיגְן נָאמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער וִוי עֶס גֵייט אַרוֹיס פוּנֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל'ס מוֹיל, הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעבּוּקְט, אוּן גֶעפַאלְן אוֹיף זֵייעֶר פָּנִים אוּן גֶעזָאגְט מִיט אַ גְרוֹיסְן רַעַשׁ "בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד"

דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט אוֹיסְגֶעצוֹיגְן צוּ זָאגְן דֶעם "שֵׁם" ווִילַאנְג דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעפַאלְן כּוֹרְעִים אוּן הָאבְּן גֶעזָאגְט "בָּרוּךְ שֵׁם..." אוּן דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם פָּסוּק פוּן "כִּי בַּיוֹם הַזֶה...".

# מֶען פַּאלְט כּוֹרְעִים

אִין בֵּית הַמִקְדָּשׁ וֶוען דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט זִיךְ מִתוַדָּה גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס נָאמֶען הָאבְּן זִיךְ אַלֶע גֶעבִּיקְט אוּן גֶעפַאלְן אוֹיף זֵייעֶר פָּנִים, קוּמְט אוֹיס אַז בֵּיי יֶעדֶער וִדוּי זֶענֶען זֵיי גֶעפַאלְן דְרַיי מָאל, אָבֶער מִיר אַז מִיר הָאבְּן הַיינְט לַיידֶער נִישְׁט קֵיין בֵּית הַמִקְדָּשׁ אוּן מִיר מַאכְן נָאר אַ זֵכֶר צוּ דֶעם וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמִקְדָּשׁ, פַּאלְן מִיר נִישְׁט קֵיין דְרַיי מָאל בֵּיי יֶעדֶער וִדוּי, נָאר וֶוען דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט גֶעזָאגְט דִי וָוארְט "תִּטְהָרוּ" דֶעמָאלְטְס פַּאלְן מִיר כּוֹרְעִים, וֶועגְן דֶעם פַּאלְט מֶען נִישְׁט הַיינְטִיגֶע צַייטְן "כּוֹרְעִים" נָאר וֶוען מֶען זָאגְט דִי שְׁטִיקְל פוּן "וְהַכֹּהֲנִים".

שְׁטֵייט אִין סְפָרִים אַז דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ עֶרְוֶועקְן מִיט אַ גְרוֹיס גֶעוֵויין, אִין דִי צַייט וָואס מֶען זָאגְט "וְהַכֹּהֲנִים וְהָעָם" אוֹיף דֶעם וָואס עֶס פֶעלְט יֶעצְט דִי כָּבוֹד פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.



אַז מִיר הָאבְּן הַיינְט נִישְׁט קֵיין בֵּית הַמִקְדָּשׁ פַּאלְן מִיר כּוֹרְעִים, וֶוען מֶען זָאגְט דִי שְׁטִיקְל פוּן "וְהַכֹּהֲנִים"

## עוֹמְדִים צְפוּפִים-וּמִשְׁתַּחֲוִים רְוָחִים

די מִשְׁנָה אִין אָבוֹת זָאגְט אַז אֵיינֶע פוּן דִי צֶען נִסִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמִקְדָש אִיז גֶעוֶוען, אַז וֶוען דִי הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִין בֵּית הַמִקְדָש, זֶענֶען זֵיי גֶעשְׁטַאנֶען זֵייעֶר צוּזַאמְגֶעשְׁטוּפְּט אִין דִי לוּפְטְן, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פִּיל מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען זֶעהְן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּנֶעם כֹּהֵן גָדוֹל, אָבֶּער בִּשְׁעַת וֶוען זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעבוּקְט אִיז גֶעוָוארְן אַסאךְ פְּלַאץ אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט בּוּקְן.

## דִי גוֹרָל פוּן דִי צְוֵויי צִיגְן

נָאכְדֶעם וָואס דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט גֶעעֶנְדִיגְט זָאגְן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וִדוּי אוֹיף זַיין אָקְס, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ מִזְרָח זַיִט פוּן דִי עֲזָרָה צוּם טוֹיעֶר פוּן מִזְרָח זַיִט וַוייט אַוֶועק פוּנֶעם מִזְבֵּחַ, כְּדֵי דָארְט צוּ מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן דֶעם גוֹרָל, דֶער סְגַן כֹּהֵן גָדוֹל, אוּן דֶער הוֹיפְּט פוּן דִי גְרוּפֶּע כֹּהֲנִים וֶועלְכֶע גֶעהֶערְן יֶענֶעם טָאג אִין בֵּית הַמִקְדָש זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בֵּיי דִי לִינְקֶע זַיִט.

דָארְט בַּיים טוֹיעֶר אִין מִזְרָח פוּן דִי עֲזָרָה אוֹיף צָפוֹן זַיִט, אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעגְרֵייט צְוֵויי צִיגְן אַז מֶען זָאל מַאכְן אוֹיף זֵיי אַ גוֹרָל, זֵייעֶר פָּנִים אִיז גֶעוֶוען צוּ מַעֲרִיב זַיִט, אוּן זֵייעֶר רוּקְן צוּ מִזְרָח זַיִט, אֵיין צִיג אִיז גֶעוֶוען צוּ זַיין רֶעכְטֶע זַיִט אוּן אֵיין צִיג בֵּיי זַיין לִינְקֶער זַיִט, בֵּיידֶע צִיגְן הָאבְּן גֶעדַארפְט אוֹיסְזֶעהְן דִי זֶעלְבֶּע, זֵיי הָאבְּן גֶעדַארפְט זַיין דִי זֶעלְבֶּע הוֹיעֶך.



דֶער כֹּהֵן הָאט גֶעלֵייגְט דִי גוֹרָלוֹת אוֹיף דִי צְוֵויי צִיגְן



אוּן פוּן דָארְט הָאט מֶען אַוֶועק גֶעפִירְט צוּם מִדְבָר

דִי צִיגְן הָאט מֶען נִישְׁט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגט אִין דִי עַזָרָה נֶעבְּן מִזְבֵּחַ, וַוייל אֵיין צִיג הָאט מֶען נִישְׁט מַקְרִיב גֶעוֶוען אוֹיפְן מִזְבֵּחַ, נָאר מֶען הָאט דָאס גְעשִׁיקְט צוּם עֲזָאזֵל.

בֵּיי דִי מִזְרָח זַיְיט פוּן דִי עַזָרָה אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעגְרֵייט אַ קָארְבּ וָואס אִיז גֶעוֶוען גֶעמַאכְט פוּן הָאלְץ, דֶער קָארְבּ אִיז גֶעוֶוען גְרוֹיס אַז דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל זָאל הָאבְּן דִי מֶעגְלִיכְקַייט צוּ אַרַיין לֵייגְן זַיְינֶע בֵּיידֶע הֶענְט אוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי צְוֵויי שְׁטִיקֶער הָאלְץ, אָבֶּער עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען אָנְטַאפְּן אוּן שְׁפִּירְן אוֹיף וֶועלְכֶע שְׁטֵייט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס נָאמֶען, אוּן אִין דֶעם קָארְבּ אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי שְׁטִיקֶער הָאלְץ, אוֹיף אֵיין הָאלְץ אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן "לַה'" אוּן אוֹיף דִי צְוֵייטֶע הָאלְץ אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן "לַעֲזָאזֵל".

דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט שְׁנֶעל אַרַיין גֶעלֵייגט בֵּיידֶע הֶענְט אוּן גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען בֵּיידֶע גוֹרָלוֹת, אֵיינְס אִין דִי רֶעכְטֶע הַאנְט אוּן אֵיינְס אוּן דִי לִינְקֶע הַאנְט, אוֹיבּ דֶער גוֹרָל וָואס אוֹיף דֶעם אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס נָאמֶען אִיז גֶעוֶוען אוֹיף זֵיין רֶעכְטֶע הַאנְט, הָאט אִים דֶער סְגַן גֶעזָאגְט: "הֵייבּ אוֹיף דַיין רֶעכְטֶע הַאנְט" אוּן אוֹיבּ פַארְקֶערְט הָאט אִים דֶער סְגַן גֶעהֵייסְן אוֹיפְהֵייבְּן זֵיין לִינְקֶע הַאנְט.

דֶער כֹּהֵן הָאט גֶעלֵייגְט דִי גוֹרָלוֹת אוֹיף דִי צְוֵויי צִיגְן, דֶער גוֹרָל וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן "לַה'" הָאט עֶר גֶעלֵייגְט בֵּיי זֵיין רֶעכְטֶע הַאנְט אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן מִיט אַ הוֹיכֶע קוֹל "לַה' חַטָאת" אוּן דָאס הָאט עֶר מַקְרִיב גֶעוֶוען פַאר אַ קָרְבָּן חַטָאת, אוּן דֶער גוֹרָל וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען "לַעֲזָאזֵל" הָאט עֶר גֶעלֵייגְט אוֹיפְן צִיג וָואס אִיז גֶעוֶוען בֵּיי זֵיין לִינְקֶע

זַיִיט, און דֶעם צִיג הָאט עֶר אֲוֶועק גֶעשִׁיקְט צוּ אַ ווִיסְטֶע מִדְבָּר.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער כֹּהֵן אָנְגֶעבִּינְדְן אַ רוֹיטֶע וָואל צְווִישְׁן דִי הֶערְנֶער פוּן דֶעם צִיג וָואס גֵייט צוּם עֲזָאזֵל, און מֶען הָאט אֲוֶועק גֶעפִירְט דֶעם צִיג פוּן דִי עֲזָרָה ווִי דֶער גוֹרָל אִיז פָארְגֶעקוּמֶען, און פוּן דָארְט הָאט מֶען אֲוֶועק גֶעפִירְט צוּם מִדְבָּר, אוֹיפְן צְוֵוייטְן צִיג וָועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַ חַטָאת וָואס מֶען הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶע'שָׁחטְ'ן הָאט עֶר אוֹיךְ אַרוֹיף גֶעבִּינְדְן אַ רוֹיטֶע וָואל און מֶען הָאט דָאס צוּגֶעבִּינְדְן אוֹיפְן הַאלְדז, דָאס אִיז גֶעוֶוען כְּדֵי דִי צִיגְן זָאל זִיךְ נִישְׁט פַּארְטוֹישְׁן.

## דֶער צְוֵוייטֶער וִדוּי

נָאכְדֶעם וָואס דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם גוֹרָל און צוּגֶעבִּינְדְן דִי צִיגְן, אִיז דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין אָקְס וָואס אִיז גֶעוֶוען נֶעבְן דֶעם מִזְבֵּחַ, און עֶר הָאט אָנְגֶעלַאנְט מִיט זַיין גַאנְצְן כֹּחַ זַיינֶע בֵּיידֶע הֶענְט אוֹיפְן אָקְס און זִיךְ נָאכְאַמָאל מִתְוַדָּה גֶעוֶוען אַזוֹי ווִי פְרִיעֶר און עֶר הָאט גֶעזָאגְט נָאכְאַמָאל דִי גַאנְצֶע נוּסַח פוּן "אָנָּא הַשֵּׁם" א.א.וו. אַלֶע כֹּהֲנִים און אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעהֶערְט וֶוען עֶר זָאגְט אַרוֹיס דֶעם נָאמֶען פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער הָאבְּן גֶעזָאגְט "בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד..."

## דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אִיז מַקְרִיב דִי קָרְבָּנוֹת חַטָאת

נָאכְן צְוֵוייטְן וִדוּי הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל מַקְרִיב גֶעוֶוען: זַיין קָרְבָּן חַטָאת און דֶעם קָרְבָּן חַטָאת פוּן דִי אִידְן, דָאס זֶענֶען דֶער

אָקְס מִיט דֶער צִיג, עֶר הָאט קֹדֶם אִיבֶּער גֶעקוּקט דֶעם מֶעסֶער צוּם שֶׁחְט'ן, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שֶׁחְט'ן אוּן אַנְדֶערֶער הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט אַזוֹי וִוי בַּיי דִי פְּרִיעֶרְדִיגְע קָרְבָּנוֹת, אוּן דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט אָנְגֶענוּמֶען דָאס בְּלוּט אִין אַ בֶּעקְן פוּן רֵיין גָאלְד, אוּן עֶר הָאט דָאס אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן כֹּהֵן זָאל דָאס מִישְׁן כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט פַארְגֶלִיוֶועךְט וֶוערְן וַוייל עֶר הָאט גֶעשְׁפְּרִיצְט שְׁפֶּעטֶער נָאכְן מַקְטִיר זֵיין דִי קְטֹרֶת אִין קֹדֶשׁ הַקָדָשִׁים.

## דִי קְטֹרֶת אִין קֹדֶשׁ הַקָדָשִׁים

נָאכְדֶעם וָואס דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דָאס בְּלוּט פַאר דֶעם כֹּהֵן וָואס מִישְׁט דִי בְּלוּט פוּנֶעם אָקְס, הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי עֲבוֹדָה פוּן דִי קְטוֹרֶת.

דְרַיי מָאל הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל מַקְטִיר גֶעוֶועןְ קְטֹרֶת יוֹם כִּפּוּר, אֵיינְמָאהל אִינְדֶערְפְרִי אוּן פַארְנַאכְטס אַזוֹי וִוי יֶעדְן טָאג, אוּן אֵיינְמָאהל אִין קֹדֶשׁ הַקָדָשִׁים צְווִישְׁן דִי צְוֵויי שְׁטַאנְגֶען פוּן דֶעם אָרוֹן.

דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן וִוי עֶר הָאט גֶע'שָׁחְט'ן זֵיין אָקְס, אוּן עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען צוּם שְׁפִּיץ פוּן דֶעם מִזְבֵּחַ הַחִיצוֹן, אוּן הָאט אַוֶועק גֶעשַׁארְט דִי קוֹילְן, אוּן עֶר הָאט אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגט פוּן דֶעם מִזְבֵּחַ פִּיל פוּן דִי פְלַאמֶעדִיגְע פַייֶער קוֹילְן.

נָאכְדֶעם הָאט אַ כֹּהֵן אַרוֹיס גֶעבְּרֶענְגט פַארְן כֹּהֵן גָּדוֹל אַ גָאלְדֶענֶעם לֵיידִיג לֶעפְל פוּן דֶעם "לִשְׁכַּת הַכֵּלִים" וִוי אַלֶע כְּלִי שָׁרֵת זֶענֶען גֶעלֶעגְן, אוֹיךְ הָאט מֶען אַרוֹיס גֶעבְּרֶענְגט אַ

גָאלְדֶענֶעם פֶּענְדְל פּוּן דִי "לִשְׁכַּת בֵּית אַבְטִינַס" דָארְט ווִי מֶען הָאט גֶעמַאכְט דִי קְטֹרֶת, דֶער פֶּענְדְל אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט שְׁמֶעקֶעדִיגֶע גֶעווִירְצְן, מֶען הָאט דָאס גֶעלֵייגְט אוֹיפְן זֶעלְבְּן פְּלַאץ ווִי דֶער פַּייעֶר-פֶּענְדְל אִיז גֶעלֶעגְן, אוּן דֶער כֹּהֵן הָאט אַרַיין גֶעלֵייגְט דִי קְטֹרֶת אִין דֶעם גָאלְדֶענֶעם לֶעפְל, וָואס מִיט דִי לֶעפְל אִיז עֶר אַרַיין אִין קֹדֶשׁ הַקָּדָשִׁים.

## דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל גֵייט אַרַיין אִין קֹדֶשׁ הַקָּדָשִׁים

דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט גֶענוּמֶען דֶעם שְׁוֶוערְן הֵייסְן פַּייעֶר-פֶּענְדְל מִיט דִי דְרַיי קַבִּין פְּלַאמֶעדִיגְע קוֹילְן אוּן זַיין רֶעכְטֶע הַאנְט, אוּן אִין זַיין לִינְקֶע הַאנְט הָאט עֶר גֶענוּמֶען דֶעם לֶעפְל מִיט דִי קְטֹרֶת, עֶר הָאט זִיךְ בַּאפְלֵייסִיגְט מִיט גְרוֹיס פָארְזִיכְטִיגְקֵייט מִיט רֵיינֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן תְּשׁוּבָה אוּן פַּחַד פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי ווִי מֶען הָאט אִים נֶעכְטְן עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר אָנְגֶעזָאגְט, אַז עֶר גֵייט אַרַיין אִין דֶעם קֹדֶשׁ הַקָּדָשִׁים.

וֶוען דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אִיז אַרַיין קֹדֶשׁ הַקָּדָשִׁים הָאבְּן דִי כֹּהֲנִים מִיט לְוִיִּם אוּן אַלֶע אִידְן אִים גֶעבֶּענְטְשְׁט אוּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל.

דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אִיז אַרַיין אִין קֹדֶשׁ הַקָּדָשִׁים דוּרְךְ דֶעם הֵיכָל צְווִישְׁן דֶעם גָאלְדֶענֶעם מִזְבֵּחַ אִין דִי מְנוֹרָה, אוּן נִישְׁט צְווִישְׁן דֶעם מְנוֹרָה אוּן דִי וַואנְט, כְּדֵי זַיינֶע ווַייסֶע קְלֵיידֶער זָאלְן נִישְׁט שְׁוַוארְץ וֶוערְן פוּן דִי רוֹיעֶךְ פוּן דִי מְנוֹרָה וָואס הָאט שְׁוַוארְץ גֶעמַאכְט דִי וַואנְט, עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם עֶפֶענוּנְג פוּן דִי פָּרֹכֶת וָואס הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט אוֹיף דָרוֹם זַייט אוּן עֶר אִיז אַרַיין צְווִישְׁן דִי צְווֵיי פָּרוֹכֶת'ן , וֶוען דֶער כֹּהֵן

גָּדוֹל אִיז גֶעגַאנְגֶען צווִישְׁן דִי צְוֵויי פָּרוֹכֶת'ן הָאט עֶר מִיט זַיינֶע עֶלְנְבּוֹיגְנְס צוּשְׁפְּרֵייט דִי בֵּיידֶע פָּרוֹכֶת'ן כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִישְׁט פַארְבֶּרְענְט וֶוערְן פוּן דִי פְלַאמֶעדִיגְע קוֹילְן וָואס עֶר הָאט אַרַיין גֶעטְרָאגְן.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם עֶפֶענוּנְג פוּן קוֹדֶשׁ הַקָדָשִׁים, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט, אוּן עֶר אִיז אַרַיין אִינְעוֵוייניג אִין קֹדֶשׁ הַקָדָשִׁים בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם פְּלַאץ פוּנֶעם אָרוֹן וִוי דִי לוּחוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט אַרוּנְטֶער גֶעלֵייגט דֶעם פַּייעֶר-פֶּענְדְל צווִישְׁן דִי שְׁטַאנְגֶען פוּנֶעם אָרוֹן אוֹיף דֶער עֶרְד.

עֶר הָאט נָאכְאַמָאל אִין קֹדֶשׁ הַקָדָשִׁים גֶענוּמֶען דֶעם גַאנְצְן קְטוֹרֶת פוּנֶעם גָאלְדֶענֶעם לֶעפְל צוּרִיק צוּ זַיינֶע גוֹיפְּנְס, אִין



עֶר הָאט אַרוּנְטֶער גֶעלֵייגט דֶעם פַּייעֶר-פֶּענְדְל צווִישְׁן דִי שְׁטַאנְגֶען

זַיינֶע בֵּיידֶע הֶענְט, דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן דִי דְרַיי שְׁוֶוערְסְטֶע עֲבוֹדוֹת אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ, וַוייל עֶר הָאט גֶעדַארפְט שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעבְּן ס'זָאל נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסְגֶעגָאסְן אֲפִילוּ קֵיין אֵיין טְרָאפּ פוּן דֶעם קְטוֹרֶת.

נָאכְדֶעם הָאט עֶר אַרַיינְגֶעגָאסְן מִיט זֵיין פִינְגֶער דִי בְּשָׂמִים פוּן דֶעם גָאלְדֶענֶעם לֶעפְל מִיט זַיינֶע שְׁפִּיץ פִינְגֶער אוֹיף דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע קוֹילְן וָואס לִיגְט אוֹיף דֶעם טֵייל פוּן דִי פֶּענְדְל נֶענְטֶער צוּם אָרוֹן, אוּן וַוייטֶער פוּן זֵיין פָּנִים כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן.

מֶען הָאט אַרַיין גֶעלֵייגט אוּן דִי קְטוֹרֶת אַ קְלֵיינֶע מָאס פוּן אַ גְרָאז וָואס הֵייסְט "מַעְלָה עָשָׁן" וָואס מַאכְט אָן דֶעם רוֹיעֶך פוּן דִי גֶעוּוירְצְן זָאלְן אַרוֹיפְגֵיין הוֹיעֶך גְלַייך וִוי אַ שְׁטֶעקְן, אוּן דֶער רוֹיעֶך הָאט זִיך צוּשְׁפְּרֵייט אִין דֶעם גַאנְצְן צִימֶער פוּן אוֹיבְן פוּן אֵיין וַואנְט בִּיז צוּם צְוֵויטְן, אוּן אַזוֹי הָאט זִיך דִי רוֹיעֶך צוּשְׁפְּרֵייט אִין דֶעם גַאנְצְן צִימֶער, דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט גֶעדַארפְט וַוארְטְן אִין קֹדֶשׁ הַקָדָשִׁים בִּיז דִי גַאנְצֶע צִימֶער אִיז פִיל גֶעוָוארְן מִיט רוֹיעֶך, כְּדֵי מֶען זָאל דֶערְקֶענֶען אַז עֶר הָאט גֶעמַאכְט דֶעם גַאנְצְן קְטוֹרֶת אִין קֹדֶשׁ הַקָדָשִׁים נִישְׁט וִוי דִי צְדוֹקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז אַ חֵלֶק פוּן דֶעם דַארְף מֶען מַאכְן אִינְדְרוֹיסְן.

אִין קֹדֶשׁ הַקָדָשִׁים אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעקְרִיצְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס נָאמֶען, דִי אוֹתִיוֹת אוּן דִי נְקֻדוֹת אוֹיף דֶעם טוֹיעֶר פוּן דֶעם אָרוֹן, וֶוען דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט גֶעזֶעהְן אַז דֶער טוֹיעֶר פוּן אָרוֹן לַייכְט זִיך אַרוֹיס "וֵוייס" הָאט עֶר זִיך זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעפְרֵייט, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז דָאס אִיז "רוֹיט" אִיז דָאס נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין גוּטֶער סִימָן פַאר דִי אִידְן אוּן פַארְ'ן כֹּהֵן

גָּדוֹל, אוּן דֶעמָאלְטְס הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל זֵייעֶר שְׁטַארְק מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאְרן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל מוֹחֵל פַּאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִין קֹדֶשׁ הַקָדָשִׁים אִיז גֶעוֶוען אַ שֶׁטְרִיק וָואס אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעבִּינְדְן אוֹיף אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי עֲזָרָה, דָאס הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל גֶעשָׁאקְלט אוּן מְרַמֵז גֶעוֶוען אַז אַלֶע אִידְן דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּהן מִיט זֵייעֶר גַאנְצֶע הַארְץ, אוּן וֶוען דִי כֹּהֲנִים אוּן דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵיי נִישְׁט מוֹחֵל הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶענוּמֶען וֵויינֶען מִיט אַ בִּיטֶער הַארְץ אוּן בֶּעטְן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל זֵיי מוֹחֵל זֵיין, אוּן גְלַייךְ נָאךְ זֵייעֶר תְּשׁוּבָה אִיז דָאס צוּרִיק וֵוייס גֶעוָוארְן אוּן דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט גֶעשָׁאקְלט מִיט גֶלְעקְלֶעךְ מִיט גְרוֹיס פְּרֵייד.



דֶער רוֹיעֶך הָאט זִיךְ צוּשְׁפְּרֵייט אִין דֶעם גַאנְצְן צִימֶער

דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן צווִישְׁן דִי צְוֵויי פָּרוֹכֶת'ן מִיטְן פָּנִים צוּם קוֹדֶשׁ הַקָדָשִׁים, אוּן זַיין רוּקְן צוּם הֵיכָל אוֹיפְן זֶעלְבְּן אוֹפְן וִוי עֶר אִיז אַרַיין גֶעגַאנְגֶען, בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן פָּרֹכֶת, אוּן וֶוען עֶר אִיז דָארְט אָנְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

## דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אִיז מִתְפַּלֵל אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה

דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט נָאר מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה כְּדֵי נִישְׁט צוּ דֶערשְׁרֶעקְן דִי אִידְן אַז עֶר אִיז חָלִילָה גֶעשְׁטָארבְּן אִין קֹדֶשׁ הַקָדָשִׁים.

דִי תְּפִלָּה אִיז גֶעוֶוען: "יְהִי רָצוֹן..." אַז דָאס קוּמֶענְדִיגֶע יָאר וָואס קוּמְט אוֹיף אוּנְז זָאל זַיין רֶעגְן, אוּן דַיין פָאלְק דִי אִידְן זָאלְן נִישְׁט דַארְפְן אָנְקוּמֶען אִין פַּרְנָסָה אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן, אוּן דִי בֵּיימֶער זָאל גֶעבְן זֵייעֶר פְּרוּכְט א.א.וו.

## דָאס שְׁפְּרִיצְן דִי בְּלוּט אִין קֹדֶשׁ הַקָדָשִׁים

נָאכְדֶעם אִיז דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל גֶעגַאנְגֶען דָארְט וִוי דֶער כֹּהֵן וָואס הָאט גֶעמִישְׁט דָאס בְּלוּט פוּן זַיין אָקְס, אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי בֶּעקְן מִיט דִי בְּלוּט, אוּן עֶר אִיז צוּרִיק אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין קֹדֶשׁ הַקָדָשִׁים וֶוען עֶר הָאט מַקְטִיר גֶעוֶוען דִי קְטֹרֶת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיפְן זֶעלְבְּן פְּלַאץ וִוי עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען צווִישְׁן דִי שְׁטַאנְגֶען פוּנֶעם אָרוֹן, עֶר הָאט

אֵײַנְגֶעטִינְקֶען זַײַן רֶעכְטֶע פִינְגֶער אִין דִי בֶּעקְן אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁפְּרִיצְט פָּארְנט פוּן דִי כַּפֹּרֶת צווִישְׁן דִי שְׁטַאנְגֶען פוּנֶעם אָרוֹן, אֵײן שְׁפְּרִיץ אוֹיף אַרוֹיף, דֶער טְרָאפ בְּלוּט וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁפְּרִיצְט אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַרוֹיף אוּן דֶערְנָאךְ אִיז דָאס אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף אַרָאפּ, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעשְׁפְּרִיצְט זִיבְּן שְׁפְּרִיצְן אוֹיף אַרָאפּ.

בֵּיי יֶעדְן שְׁפְּרִיץ הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל גֶעדַארְפְט נָאכְאַמָאל אֵײַנְטִינְקֶען זַײַן פִינְגֶער אִין דִי בֶּעקְן, אוּן אַזוֹי הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל גֶעצֵײלְט בִּשְׁעַת וֶוען עֶר הָאט גֶעשְׁפְּרִיצְט דִי בְּלוּט, בֵּיי דִי "עֶרְשְׁטֶע" וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אַרוֹיף הָאט עֶר גֶעצֵײלְט "אֵײנְס", בֵּיי דִי "צְוֵוייטֶע" וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע פוּן דִי זִיבְּן אוֹיף אַרָאפּ הָאט עֶר גֶעצֵײלְט "אֵײנְס אוּן אֵײנְס", בֵּיי דִי "דְרִיטֶע" הָאט עֶר גֶעצֵײלְט "אֵײנְס אוּן צְוֵויי" בֵּיי דִי "פֶערְדֶע" הָאט עֶר גֶעצֵײלְט "אֵײנְס אוּן דְרַיי" בֵּיי דִי "פִינֶעפְטֶע" הָאט עֶר



בֵּיי יֶעדֶע שְׁפְּרִיץ הָאט עֶר קֹדֶם דֶערְמַאנְט דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁפְּרִיץ...

גֶעְצֵיילְט "אֵיינְס אוּן פִּיר" בַּיי דִי "זֶעקְסְטֶע" הָאט גֶעְצֵיילְט "אֵיינְס אוּן פִינֶעף" בַּיי דִי "זִיבֶּעטֶע" הָאט עֶר גֶעְצֵיילְט "אֵיינְס אוּן זֶעקְס" בַּיי דִי "אַכְטֶע" הָאט עֶר גֶעְצֵיילְט "אֵיינְס אוּן זִיבְּן", בַּיי יֶעדֶע שֶׁפְּרִיץ הָאט עֶר קֹדֶם דֶערְמַאנְט דִי עֶרְשְׁטֶע שֶׁפְּרִיץ וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אַרוֹיף, דָאס הָאט עֶר אַזוֹי גֶעְצֵיילְט וַוייל עֶר זָאל נִישְׁט מַאכְן קֵיין טָעוּת אוּן צֵיילְן דִי עֶרְשְׁטֶע שֶׁפְּרִיץ צוּזַאמֶען מִיט דִי זִיבְּן וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁפְּרִיצְט אוֹיף אַרָאפּ.

מִיט דִי שְׁפְּרִיצְן אִיז גֶעעֶנְדִיגְט גֶעוָוארְן זַיין עֲבוֹדָה אִין קֹדֶשׁ הַקָּדָשִׁים.

## דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל שֶׁחְט דִי צִיג פוּן דֶעם גוֹרָל

דֶער כֹּהֵן הָאט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט דָאס בְּלוּט פוּן זַיין אָקְס, דִי כֹּהֲנִים הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגט דֶעם צִיג דֶעם קָרְבָּן חַטָּאת וָואס אוֹיף אִים אִיז גֶעוֶוען דֶער גוֹרָל, דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שֶׁחְט'ן אוּן אַ אַנדֶער כֹּהֵן הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט אַזוֹי וִוי בַּיי דִי פְּרִיעֶרְדִיגְע קָרְבָּנוֹת.

דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אִיז אַרַיין צוּם דְרִיטְן מָאל אִין קֹדֶשׁ הַקָּדָשִׁים אוֹיף דֶעם זֶעלְבְּן פְּלַאץ וִוי עֶר הָאט גֶעשְׁפְּרִיצְט דִי בְּלוּט פוּן זַיין אָקְס, אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶעטִינְקֶען זַיין פִינְגֶער אוּן הָאט גֶעשְׁפְּרִיצְט מִיט זַיין רֶעכְטֶע פִינְגֶער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעשְׁפְּרִיצְט דִי בְּלוּט פוּן זַיין אָקְס, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט צוּ שְׁפְּרִיצְן פוּן דֶעם צִיג, אִיז דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אַרוֹיס פוּן קֹדֶשׁ הַקָּדָשִׁים אוּן אַוֶועק גֶעלֵייגְט דָאס בְּלוּט.

# דִי שְׁפְּרִיצְן דִי בְּלוּט

נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל צוּגֶעאֵיילְט אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען דָאס בְּלוּט פוּן דִי אָקְס וָואס עֶר הָאט פְּרִיעֶר אֲוֶועק גֶעלֵייגְט, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁפְּרִיצְט אַנְטְקֶעגְן דֶעם פָּארְהַאנְג וָואס טֵיילְט אָפּ צְווִישְׁן דֶעם הֵיכָל אוּן קֹדֶשׁ הַקֳדָשִׁים אַנְטְקֶעגְן אִיבֶּער דֶעם אָרוֹן צְווִישְׁן דִי צְוֵויי שְׁטַאנְגֶען פוּנֶעם אָרוֹן, בְּשַׁעַת וֶוען דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט גֶעשְׁפְּרִיצְט דִי בְּלוּט הָאבְּן אַלֶע כֹּהֲנִים גֶעמוּזט אַרוֹיס גֵיין פוּנֶעם הֵיכָל, נָאכְדֶעם הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל גֶענוּמֶען דָאס בְּלוּט פוּן דֶעם צִיג אוּן עֶר הָאט גֶעטָאן דִי זֶעלְבֶּע וָואס עֶר הָאט גֶעטָאן מִיטְן בְּלוּט פוּנֶעם אָקְס.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אוֹיסְגֶעמִישְׁט דִי בֵּיידֶע בְּלוּט'ן אוּן עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן נֶעבְּן דִי פָּרֹכֶת, עֶר אִיז



עֶר הָאט גֶעשְׁפְּרִיצְט אַנְטְקֶעגְן דֶעם פָּארְהַאנְג וָואס טֵיילְט אָפּ צְווִישְׁן דֶעם הֵיכָל אוּן קֹדֶשׁ הַקֳדָשִׁים אַנְטְקֶעגְן אִיבֶּער דֶעם אָרוֹן צְווִישְׁן דִי צְוֵויי שְׁטַאנְגֶען פוּנֶעם אָרוֹן

גֶעשְׁטַאנֶען צווִישְׁן דִי מִזְבֵּחַ מִיט דִי מְנוֹרָה, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁפְּרִיצְן אוֹיף דִי פִּיר שְׁפִּיצְן פוּנֶעם מִזְבֵּחַ.

נָאכְדֶעם וָואס דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אִיז פַּארְטִיג גֶעוָוארְן מִיט אַלֶע שְׁפְּרִיצְן, אִיז עֶר אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּנֶעם הֵיכָל, אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם מִזְבֵּחַ הַחִיצוֹן, אוּן דָארְט הָאט עֶר אוֹיסְגֶעגָאסְן דִי אִיבֶּערגֶעבְּלִיבֶּענֶע בְּלוּט.

## וִדּוּי פוּן כֹּהֵן גָּדוֹל אוֹיף דֶעם שָׂעִיר

נָאכְדֶעם אִיז דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל גֶעגַאנְגֶען אוֹיף מִזְרָח זַיִיט, צוּם "שַׁעַר הַנִקְנוֹר" דָארְט וִוי דֶער צִיג וָואס מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט צוּם עֲזָאזֵל אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פוּן נָאכְן גוֹרָל, דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט זִיךְ מִתוַדָּה גֶעוֶוען אוֹיף דִי עֲבֵרוֹת פוּן אַלֶע



עֶר הָאט אָנְגֶעלַאנְט זַיינֶע הֶענְט צווִישְׁן דִי הֶערְנֶער פוּן דֶעם צִיג אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט וִדּוּי

אִידְן, עֶר הָאט אָנְגֶעלַאנְט זַיְינֶע הֶענְט צְווִישְׁן דִי הֶערְנֶער פוּן דֶעם צִיג און עֶר הָאט גֶעזָאגְט וִדּוּי, און אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״אָנָא הַשֵּׁם״ אִיךְ בֶּעט דִּיר רבוש״ע, ״חָטְאוּ עָווּ פָּשְׁעוּ לְפָנֶיךָ עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל״ דַיין פָאלְק דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִּיר, ״אָנָא בַּשֵּׁם״ אִיךְ בֶּעט דִּיר רבוש״ע, ״כַּפֵּר נָא״ אִיךְ בֶּעט דִּיר פַארְצֵיי, ״לַחֲטָאִים וּלְעָווֹנוֹת וְלִפְשָׁעִים״ פַאר אַלֶע סָארְט עֲבֵירוֹת, ״שֶׁחָטְאוּ וְשֶׁעָווּ וְשֶׁפָּשְׁעוּ לְפָנֶיךָ״ וָואס הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט און וִוידֶער־גֶעשְׁפֶּענִיגְט פַאר דִּיר, ״עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל״ דַיין פָאלְק דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, ״כַּכָּתוּב בְּתוֹרַת מֹשֶׁה עַבְדְּךָ״ אַזוֹי וִוי סְ׳שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה, ״מִפִּי כְּבוֹדְךָ״ פוּן דַיין גֶעהֶערְט מוֹיל, ״כִּי בַּיּוֹם הַזֶּה״ וַוייל אִין דֶעם הַיְינְטִיגְן טָאג, ״יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם״ וֶועט עֵר פַארְצֵייעֶן פַאר אַייךְ, ״לְטַהֵר אֶתְכֶם״ עֶנְק צוּ רֵיינִיגְן, ״מִכָּל חַטֹּאתֵיכֶם״ פוּן אַלֶע עֶנְקֶערֶע זִינְד, ״לִפְנֵי ה׳״ פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

אַלֶע כֹּהֲנִים מִיט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִין דִי עַזָרָה וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט דֶעם פָארְכטִיגְן נָאמֶען פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וָואס קוּמְט אַרוֹיס מִיט הֵיילִיגְקַייט פוּנֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל׳ס מוֹיל, הָאבְּן זִיךְ גֶעבּוּקְט און גֶעפַאלְן אוֹיף זֵייעֶר פָּנִים און גֶעזָאגְט ״בָּרוּךְ שֵׁם...״

וֶוען דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט גֶעזָאגְט דִי וִדּוּי הָאט עֶר דֶערְמַאנְט דְרַיי מָאל דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס נָאמֶען אוֹיף דֶעם צִיג, עֶר הָאט דֶעמָאלְטְס מִיט דֶעם כֹּחַ פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיפְן צִיג אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען מְקַטְרֵג אוֹיף דִי אִידְן, בִּיז דֶער צִיג הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַלֵיין גֵיין אוֹיף זַיינֶע אֵייגֶענֶע פִּיס פוּן אַזוֹי פִיל עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטְרָאגְן אוֹיף זִיךְ, און מֶען הָאט גֶעמוּזְט אַרוֹיס פִירְן דֶעם

צִיג און דָאס אוֹיפְהֵייבְּן און אַזוֹי הָאט מֶען דָאס אַרוֹיס גֶעשְׁלֶעפְּט.

## מֶען שִׁיקְט אַ כֹּהֵן צוּ דִי עֲזָאזֵל

דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט גֶערוּפְן אֵיינֶע פוּן דִי כֹּהֲנִים, אַ שְׁוַואכֶער כֹּהֵן וָואס הָאט גֶעהַאט אַ פֶעלֶער, וָואס מֶען הָאט אִים שׁוֹין אָנְגֶעגְרֵייט פוּן עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר, דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם צִיג צוּ פִירְן אוֹיסֶער דִי מוֹיֶער פוּן יְרוּשָׁלַיִם צוּ דִי עֲזָאזֵל אִין אַ ווִיסְטְן מִדְבָּר.

עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר הָאט מֶען גֶעבּוֹיעֶט אַ בְּרִיק אִין דִי עֲזָרָה, וָואס אִיז גֶעוֶוען הֶעכֶער דִי מוֹיֶער פוּן דִי שְׁטָאט פַאר דֶעם כֹּהֵן וָואס וֶועט אַרוֹיספִירְן דֶעם צִיג.



עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר הָאט מֶען גֶעבּוֹיעֶט אַ בְּרִיק אִין דִי עֲזָרָה...



עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר זֶענֶען חָשׁוּבֿ'ע מֶענְטְשְׁן גֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען אִין סְפֶּעצִיעֶלֶע סֻכּוֹת
וָואס מֶען הָאט גֶעבּוֹיעֶט אַז זֵיי זָאלְן דָארְט קֶענֶען וואוֹינֶען יוֹם כִּפּוּר

עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר זֶענֶען חָשׁוּבֿ'ע מֶענְטְשְׁן גֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען אִין סְפֶּעצִיעֶלֶע סֻכּוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעבּוֹיעֶט אַז זֵיי זָאלְן דָארְט קֶענֶען וואוֹינֶען יוֹם כִּפּוּר, וֵוייל זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אָפְּגֶעבְּן אַ גְרוֹיסֶע כָּבוֹד פַּאר דֶעם כֹּהֵן וָואס מֶען הָאט מִיט אִים אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט דֶעם צִיג, אוּן אַז זֵיי זָאלְן אִים קֶענֶען בַּאגְלֵייטְן בִּיז צוּם בַּארְג, דֶער וֶועג פוּן יְרוּשָׁלַיִם בִּיז צוּם בַּארְג אִיז גֶעוֶוען צְוֶועלֶעף מִיל וַוייט פוּן יְרוּשָׁלַיִם, דֶער וֶועג נֶעמְט צוּ גֵיין דְרַיי אוּן אַ הַאלְבּ שָׁעָה, צֶעהְן סֻכּוֹת הָאט מֶען גֶעבּוֹיעֶט, אוּן אִין יֶעדֶע סֻכָּה אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אָפְּגֶעוַוארְט דֶעם כֹּהֵן וָואס פִירְט דֶעם צִיג, דִי חָשׁוּבֿ'ע מֶענְטְשְׁן פוּן יְרוּשָׁלַיִם הָאבְּן אִים בַּאגְלֵייט פוּן יְרוּשָׁלַיִם בִּיז צוּם עֶרְשְׁטְן סֻכָּה, אוּן פוּן דָארְט הָאבְּן אִים בַּאגְלֵייט דִי מֶענְטְשְׁן פוּן עֶרְשְׁטֶע סֻכָּה בִּיז צוּ דִי צְוֵוייטֶע סֻכָּה א. א. וו. בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם לֶעצְטְן סֻכָּה הָאבְּן אִים דִי מֶענְטְשְׁן בַּאגְלֵייט צְוֵויי טוֹיזְנְט

אַיילְן (וָואס מֶען מֶעג גֵיין שַׁבָּת), און זֵיי זֶענֶען דָארְט גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין, כְּדֵי זֵיי זָאלְן קֶענֶען זֶעהן וִוי עֶר וַוארְפְט אַרָאפּ דֶעם צִיג, אָבֶער פוּן דָארְט אִיז עֶר אַלֵיין גֶעגַאנְגֶען.

וֶוען דֶער כֹּהֵן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁפִּיץ בַּארְג וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרָאדֶער צוּשְׁנִיטְעֶנֶער בַּארְג, נִישְׁט קֵיין שִׁיפֶּע בַּארְג, פוּן בַּארְג הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסגֶעשְׁטְרֶעקְט שַׁארְפֶע שְׁפִּיצִיגֶע שְׁטֵיינֶער אַזוֹי וִוי שַׁארְפֶע צֵיינֶער, דֶער כֹּהֵן הָאט צוּרִיסְן אוֹיף צְוֵויי טֵיילְן דִי רוֹיטֶע וָואל וָואס דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיפְן דִי הֶערְנֶער פוּנֶעם צִיג, הֶעלְפְט פוּן דֶעם הָאט עֶר צוּגֶעבִּינְדְן אוֹיפְן שְׁטֵיין, און דִי אַנְדֶערֶע הֶעלְפְט הָאט עֶר צוּגֶעבִּינְדְן אוֹיפְן דִי הֶערְנֶער.

## מֶען שְׁטוּיסְט אַרָאפּ דֶעם צִיג

דֶער כֹּהֵן הָאט אַרָאפְּגֶעשְׁטוּיסְט דֶעם צִיג מִיט זַיינֶע בֵּיידֶע הֶענְט, און דֶער צִיג הָאט זִיךְ גֶעקוֹילֶערְט און גֶעפַאלְן פוּן אַיין שְׁפִּיצִיגְן שְׁטֵיין בִּיז צוּם צְווייטְן שְׁפִּיצִיגְן שְׁטֵיין וָואס הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסגֶעשְׁטֶעקְט פוּנֶעם בַּארְג, און וֶוען דֶער צִיג אִיז נָאךְ נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז אִינְמִיטְן דֶעם בַּארְג אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן צוּפִיצְלט, און דֶער כֹּהֵן וָואס הָאט דָאס אַרוֹיס גֶעפִירְט הָאט גֶעזָאגְט: "אַזוֹי זָאלְן אוֹיסְגֶעמֶעקְט וֶוערְן דִי עֲבֵרוֹת פוּן דַיין אִידִישְׁן פָאלְק".

נָאךְ וָואס דֶער כֹּהֵן הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אַרָאפְּוַוארְפְן, הָאט עֶר גֶעמֶעגְט צוּרִיק גֵיין פִיר טוֹיזְנְט אַיילְן בִּיז צוּ דִי לֶעצְטֶע סֻכָּה, כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט בְּלֵייבְּן אַלֵיין אִין מִדְבָּר, און עֶר זָאל זֵיין



פוּן בַּארְג הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסגֶעשְׁטְרֶעקְט שַׁארְפֶע שְׁפִּיצִיגֶע שְׁטֵיינֶער





"אַזוֹי זָאלְן אוֹיסגֶעמֶעקְט וֶוערְן דִי עֲבֵירוֹת פוּן דֵיין אִידִישְׁן פָאלְק"

צוזאַמען מיט די מענטשן וואס זענען געווען דאָרט אין יענע סֻכָּה, און ער איז דאָרט געבליבן ביז מוצאי יום כפור.

דער כהן וואס האט אַרויס געפירט דעם ציג צום עזאזל איז ער טמא געוואָרן פון ווען ער איז אַרויס פון די מויער פון ירושלים.

היינטיגע צייטן וואס מיר האבן נישט דעם ציג זאל מכפר זיין, איז נישט געבליבן נאר תשובה און דעם הייליגן טאג יום כפור וואס דער טאג איז מכפר.

## דאס פאַרברענען דעם פר מיטן שעיר

נאכדעם וואס דער כהן גדול האט איבער געגעבן פאַר'ן כהן די ציג צו גיין צום עזאזל, איז דער כהן גדול צוריק געלאָפן אויף מערב זייט צו זיין אָקס און צו דער ציג פונעם גורל וואס מען האט גע'שחט'ן פאר אַ חטאת, האט דער כהן גדול די ביידע אויפגעשניטן און אַרויסגענומען די פעטנס און די צוויי נירן מיט אַ שטיקל פון די לעבער, און דאס אַריין געלייגט אין אַ שיסל ער זאל דאס שפעטער מקטיר זיין אויפן מזבח.

און די פלייש האט ער צושניטן אויף שטיקער און ער האט דאס צוזאם געפלאָכטן, ער האט זיי געלייגט אויף צוויי שטאנגען, וואס פיר יונגע כהנים האבן דאס געטראָגן צום פלאץ וואס מען האט פאַרברענט די סאָרט קרבנות. ווען זיי זענען אָנגעקומען צום פלאץ וואס מען האט דאס פאַרברענט, האבן זיי זיך אַוועק געשטעלט אַרום דאס פייער.

הוֹיכֶע און שְׁטַארְקֶע כֹּהֲנִים הָאבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דִי פִּיל מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען קוּקְן וואו מֶען פַארְבְּרֶענְט דָאס, וַוייל עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ זֶעהן וִוי מֶען פַארְבְּרֶענְט דָאס.

בִּשְׁעַת וֶוען מֶען הָאט פַארְבְּרֶענְט דֶעם אָקְס מִיט דִי צִיג הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט גֶעלֵיינְט אִין דֶעם סֵפֶר תּוֹרָה.

## דֶער סִימָן פוּן שָׁאקְלֶען מִיט דִי פֶענֶער

פַאר יוֹם כִּפּוּר הָאט מֶען אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט הוֹיכֶע הַייזֶער פוּן שׁוּרוֹת שְׁטֵיינֶער אַזוֹי וִוי טְרֶעפּ, כְּדֵי דִי אַלֶע קוּקֶערְס זָאלְן קֶענֶען אַרוֹיף קְרִיכְן און זֶעהן וֶוען דֶער צִיג קוּמְט אָן אִין מִדְבָּר, וַוייל וֶוען דֶער צִיג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין מִדְבָּר הָאבְּן אַלֶע קוּקֶערְס וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען נָאנְט צוּם מִדְבָּר אוֹיפְ־גֶעהוֹיבְּן פֶענֶער און זֵיי הָאבְּן דָאס גֶעשָׁאקְלט פַאר אַ סִימָן אַז דֶער צִיג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, דֶערְנָאךְ הָאבְּן דִי אַנְדֶערֶע קוּקֶערְס אוֹיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶרֶע פֶענֶער בִּיז דֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען נָאנְט צוּ יְרוּשָׁלַיִם הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיין פָאן, דֶעמָאלְטְס הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער גֶעווּאוּסְט אַז דֶער צִיג אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען אִין מִדְבָּר.

## דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל לֵיינְט קְרִיאַת הַתּוֹרָה

דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן הֵיכָל צוּם עֶזְרַת נָשִׁים (אִין הוֹיף פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וִוי דִי פְרוֹיעֶן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בֵּיי שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה) און עֶר הָאט גֶעוַוארְט אַ לֶענְגֶערֶע צַייט בִּיז מֶען הָאט אִים

גֶעזָאגְט אַז דֶער צִיג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין מִדְבָּר, אוּן דֶער גַאנצֶער פָאלְק אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פַאר אִים, אַזוֹי וִוי מֶען שְׁטֵייט פַאר אַ קֶענִיג, מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגט דִי סֵפֶר תּוֹרָה אוּן מֶען הָאט דָאס אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן פַאר דֶעם סְגַן כֹּהֵן גָּדוֹל אוּן דֶער סְגַן כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט דָאס אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן כֹּהֵן גָּדוֹל.

וֶוען דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט אִיבֶּער גֶענוּמֶען דִי סֵפֶר תּוֹרָה, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֵיינֶען פוּן דִי סֵפֶר תּוֹרָה צְוֵויי פַּרְשִׁיּוֹת, פוּן אָנְהֵייבּ "אַחֲרֵי מוֹת" בִּיז נָאךְ דִי סֵדֶר פוּן דִי עֲבוֹדָה פוּן יוֹם כִּפּוּר, אוּן פוּן פָּרָשַׁת "אֱמֹר" וֶועלְכֶע רֶעדְן זִיךְ פוּן יוֹם כִּפּוּר, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעלֵיינְט אוֹיף אוֹיסְנְוֵוייניג פוּן פָּרָשַׁת "פִּנְחָס" דִי פָּרָשָׁה פוּן קָרְבָּן מוּסָף, נָאכְן לֵיינֶען הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל גֶעזָאגְט אַכְט בְּרָכוֹת.



הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֵיינֶען פוּן דִי סֵפֶר תּוֹרָה צְוֵויי פַּרְשִׁיּוֹת



נָאכְן זִיךְ טוֹבְלְ'ן הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעטוּהְן דִי גָאלְדֶעְנֶע קְלֵיידֶער

## דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל טוֹבֵל'ט זִיךְ דִי דְרִיטֶע מָאל

נָאכְן לֵיינֶען אִין דִי תּוֹרָה אִיז דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעהֵיילִיגְט דִי הֶענְט מִיט דִי פִּיס אוּן אַ גָאלְדֶענֶעם קְרִיגל, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסגֶעטוּהְן דִי וַוייסֶע קְלֵיידֶער, אוּן נָאכְן זִיךְ טוֹבְלְ'ן הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעטוּהְן דִי גָאלְדֶעְנֶע קְלֵיידֶער, אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר מַקְרִיב גֶעוֶוען אַ צִיג פַאר אַ קָרְבָּן חַטָאת וָואס דֶער צִיג אִיז אַ טֵייל פוּנֶעם קָרְבָּן מוּסָף.

## דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אִיז מַקְרִיב זֵיין וִוידֶער אוּן דִי וִוידֶער פוּנֶעם פָאלְק

נָאכְן מַקְרִיב זֵיין דֶעם צִיג וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ קָרְבָּן חַטָאת, הָאט עֶר מַקְרִיב גֶעוֶוען זֵיין אֵייגֶענֶעם וִוידֶער וָואס אִיז

צְוֵויי יָאר אַלְט, עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעקוּקט דֶעם ווִידֶער אוֹיבּ עֶס הָאט נִישְׁט קֵיין פֶּעלֶער, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעלַאנְט אוֹיף זֵיין קָרְבָּן אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט קֵיין וִדּוּי אוֹיף דֶעם.

נָאכְדֶעם הָאט עֶר מַקְרִיב גֶעוֶוען דִי ווִידֶער פוּנֶעם פָּאלְק, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ קָרְבָּן עוֹלָה, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעלַאנְט אוֹיף דֶעם וֵוייל דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ קָרְבָּן פוּנֶעם פָּאלְק (קָרְבָּן צִבּוּר).

נָאכְדֶעם הָאבְּן דִי כֹּהֲנִים צוּשְׁנִיטְן בֵּיידֶע ווִידֶער'ס, יֶעדֶע אֵיינֶע אוֹיף פִּינֶעף חֲלָקִים, אוּן פִּינֶעף כֹּהֲנִים הָאבְּן דָאס גֶעבְּרֶענְגט בִּיז צוּם כֶּבֶשׁ פוּנֶעם מִזְבֵּחַ הַחִיצוֹן, דָארְט הָאט דָאס דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אִיבֶּער גֶענוּמֶען יֶעדֶע שְׁטִיקְל עֶקְסְטֶער אוּן דָאס אַרַיין גֶעוָוארְפְן אוּן פַייֶער אוּן דָאס מַקְרִיב גֶעוֶוען.

## דִי סֵדֶר פוּנֶעם תָּמִיד פוּן נָאכְמִיטָאג

נָאכְדֶעם וָואס מֶען גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם סֵדֶר פוּן דֶעם קָרְבָּן מוּסָף, הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל מַקְרִיב גֶעוֶוען דֶעם קָרְבָּן תָּמִיד פוּן נָאכְמִיטָאג, מֶען הָאט דָאס מַקְרִיב גֶעוֶוען פוּנְקְט ווִי דֶעם קָרְבָּן תָּמִיד פוּן אִינְדֶערְפְרִי, נָאר מִיט אַ חִלּוּק פוּן עֶטְלִיכֶע קְלֵיינִיקַייטְן, נָאכְדֶעם הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל גֶעשְׁפְּרִיצְט דִי בְּלוּט אוֹיף אַלֶע פִיר זַייטְן פוּנֶעם מִזְבֵּחַ.

## דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם פַייֶער-פֶּענְדְל פוּן קֹדֶשׁ הַקָּדָשִׁים

נָאכְן עֶנְדִיגְן דִי עֲבוֹדוֹת אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעוַואשְׁן זַיינֶע הֶענְט מִיט דִי פִּיס פוּן

אַ גָאלְדעֶנֶעם קְרִיגְל, און עֶר הָאט אוֹיסגֶעטוּהְן דִי גָאלְדֶענֶע קְלֵיידֶער.

און עֶר הָאט זִיךְ גֶע'טוֹבלְ'ט דֶעם פֶערְדְן מָאל, נָאכְדֶעם הָאט עֶר אָנְגֶעטוּהְן וַוייסֶע קְלֵיידֶער, און עֶר אִיז אַרַיין אִין קֹדֶשׁ הַקָדָשִׁים אַרוֹיס צוּנֶעמֶען דֶעם לֶעפְל און דֶעם פַּייעֶר–פֶּענְדְל וָואס עֶר הָאט אַרַיין גֶעטְרָאגְן אִינְדֶערְפְרִי.

דִי פִּיר וַוייסֶע קְלֵיידֶער וָואס עֶר הָאט יֶעצְט אָנְגֶעטוּהְן, זֶענֶען אַנְדֶערֶע וַוייסֶע קְלֵיידֶער פוּן וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעטוּהְן אִינְדֶערְפְרִי, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בִּילִיגֶע קְלֵיידֶער, מֶען הָאט דָאס גֶעמַאכְט פוּן בִּילִיגֶע פְלַאקְס, וַוייל מִיט דִי קְלֵיידֶער הָאט עֶר נָאר אַרוֹיס גֶעטְרָאגְן דִי פַּייעֶר–פֶּענְדְל, און נִישְׁט גֶעמַאכְט מִיט דֶעם אַ עֲבוֹדָה וָואס הָאט מְכַפֵּר גֶעוֶוען, אָבֶער דִי פִּיר קְלֵיידֶער פוּן אִינְדֶערְפְרִי הָאט מֶען גֶעמַאכְט פוּן אַ טַייעֶרְן פְלַאקְס וַוייל דָאס הָאט יָא מְכַפֵּר גֶעוֶוען.

## מֶען בַּאהַאלְט דִי וַוייסֶע קְלֵיידֶער

בֵּיידֶע וַויסֶע קְלֵיידֶער סַיי וָואס דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט אָנְגֶעטוּהְן אִינְדֶערְפְרִי און סַיי דָאס וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעטוּהְן בַּיים אַרוֹיסְטְרָאגְן דֶעם לֶעפְל מִיט דֶעם פַּייעֶר–פֶּענְדְל הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אוֹיסגֶעטוּהְן און עֶר הָאט דָאס גֶעלָאזְט אִין אֵיינֶע פוּן דִי לִשְׁכּוֹת, בִּיז עֶס אִיז דָארְט פַארְפוֹילְט גֶעוָוארְן, מֶען הָאט דָאס נִישְׁט גֶעטָארְט נִיצְן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר אֲפִילוּ עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער זֶעלְבֶּער כֹּהֵן גָּדוֹל, וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט גֶעטָארְט הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דֶעם.

## דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אִיז מַקְטִיר קְטֹרֶת פוּן נָאכְמִיטָאג

נָאכְן עֶנְדִיגְן דָאס אַרוֹיס טְרָאגְן דֶעם לֶעפְל אוּן פַייֶער–פֶּענְדְל פוּן קֹדֶשׁ הַקֳדָשִׁים, אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה, אוּן זִיךְ גֶעוַואשְׁן דִי אַכְטֶע מָאל זַיינֶע הֶענְט מִיט דִי פִּיס פוּן אַ גָאלְדֶענֶעם קְרִיגְל, אוּן עֶר הָאט אוֹיסגֶעטוּהְן דִי וַוייסֶע קְלֵיידֶער, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעטוּהְן צוּרִיק דִי גָאלְדֶענֶע קְלֵיידֶער, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעוַואשְׁן זַיינֶע הֶענְט מִיט דִי פִּיס צוּם נַיינְטְן מָאל.

עֶר אִיז אַרַיין אִין הֵיכָל צוּ מַקְטִיר זַיין קְטֹרֶת פוּן נָאכְמִיטָאג אוֹיפְן גָאלְדֶענֶעם מִזְבֵּחַ, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעצִינְדְן דִי מְנוֹרָה אַזוֹי וִוי אַלֶע טֶעג.

נָאךְ דִי גַאנְצֶע עֲבוֹדָה הָאט עֶר אוֹיסגֶעטוּהְן דִי גָאלְדֶענֶע קְלֵיידֶער אוּן הָאט אָנְגֶעטוּהְן זַיינֶע אֵייגֶענֶע קְלֵיידֶער.

## מֶען בַּאגְלֵייט דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל בִּיז צוּ זַיין שְׁטוּב

וֶוען דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע עֲבוֹדָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן טָאג יוֹם כִּפּוּר הָאט מֶען אַהֵיים בַּאגְלֵייט בִּיז צוּ זַיין שְׁטוּב.

דֶער בַּאגְלֵייטְן נָאךְ דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מֶער פוּן וֶוען דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין לִשְׁכַּת פַּרְהֶדְרִין, דֶער גַאנְצֶער פָאלְק וָואס הָאט זִיךְ גֶעפִינֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם זֶענֶען אַרִיבֶּער פַּארְ'ן כֹּהֵן גָּדוֹל, מִיט וַוייסֶע בְּרֶענֶענְדִיגֶע פַאקְלֶען.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַסאךְ מָאל וָואס דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען צוּ זַיין שְׁטוּב פַּאר חֲצוֹת הַלַּיְלָה, וֶועגְן דִי גְרוֹיסֶע שְׁטוּפֶּעַריי פוּן דִי מַאסְן מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעוָואלְט זֶעהן דֶּעם כֹּהֵן גָּדוֹל, טְרָאץ דֶעם וָואס אַלֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעוֶוען נָאכְן פַּאסְטְן אַ גַאנְצְן טָאג הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעוָואלְט אַהֵיים גֵיין, בִּיז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּשְׁן דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל׳ס הֶענְט.

אוֹיף צוּ מָארְגְנְס הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל גֶעמַאכְט אַ סְעֻדָּה, אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶעלַאדְנְט אַלֶע זַיינֶע נָאנְטֶע, עֶס אִיז גֶעוֶוען בֵּיי אִים אַ יוֹם טוֹב, אַז עֶר אִיז אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם פוּן קֹדֶשׁ הַקֳדָשִׁים.



דֶער גַאנְצֶער פָּאלְק וָואס הָאט זִיךְ גֶעפִינֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם זֶענֶען אַרִיבֶּער פַאר׳ן כֹּהֵן גָּדוֹל

דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן פַאר אַ גָאלְד-שְׁמִיד זָאל אִים מַאכְן אַ גָאלְדֶענֶעם טָאוול און אויף דֶעם אויס-קְרִיצְן דִי וֶוערְטֶער: "אִיךְ פְּלוֹנִי דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אַ זון פון פְּלוֹנִי כֹּהֵן גָּדוֹל, הָאבּ גֶעדִינְט אִין דִי כְּהֻנָּה גְּדוֹלָה אִין דֶעם גְרוֹיסְן הֵיילִיגְן שְׁטוּבּ, צוּ דִינֶען דֶעם וָואס זַיין נָאמֶען רוהט אויף דֶעם שְׁטוּבּ, אִין דֶעם און דֶעם יָאר פון וֶוען דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, און וֶוער ס'הָאט מִיר גֶעגֶעבְן דִי זְכִיָ-ה צוּ קֶענֶען אַרִיבֶּער גֵיין דִי עֲבוֹדָה זָאל אויךְ מְזַכֶּה זַיין מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אויךְ קֶענֶען שְׁטֵיין און דִינֶען פַאר'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער".

## דֶער כֹּהֵן פון דֶעם שָׂעִיר לַעֲזָאזֵל קוּמְט צוּם כֹּהֵן גָּדוֹל

דֶעם אַנְדֶערְן טָאג פון יוֹם כִּפּוּר אִיז גֶעקוּמֶען דֶער שְׁלִיחַ וָואס מֶען הָאט אִים גְעשִׁיקְט מִיט דֶעם צִיג צוּם עֲזָאזֵל, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר'ן כֹּהֵן גָּדוֹל אַז עֶר הָאט גֶעטוּהְן זַיין שְׁלִיחוּת פּוּנְקְט וִוי דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט אִים גֶעהֵייסְן.

מִיט דֶעם הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה וָואס דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט גֶעטוּהְן נָאר אַיין מָאל אַ יָאר אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג יוֹם כִּפּוּר, וֶוען אִיז אַרַיין אִין קֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים, און דָאס הָאט מְכַפֵּר גֶעוֶוען אויף אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זָאל דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין בְּקָרוֹב אויסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פון דֶעם בִּיטֶערְן גָּלוּת בב"א.

**אָנָּא רַחוּם בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים הָשֵׁב שְׁכִינָתְךָ לְצִיּוֹן עִירְךָ וְסֵדֶר הָעֲבוֹדָה לִירוּשָׁלָיִם, וְשָׁם נַעֲבָדְךָ בְּיִרְאָה כִּימֵי עוֹלָם וּכְשָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת.**

# יונה הנביא

## אין די בויך פון די פיש

**יוֹם כִּיפּוּר בַּיי מִנְחָה לֵיינְט מֶען**

**דִי הַפְטוֹרָה פוּן יוֹנָה הַנָבִיא**

דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שְׁטָאט "נִינְוֵה" הָאבְּן גֶעטוּהְן זֵייעֶר אַסַאךְ עֲבֵרוֹת, הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעהֵייסְן פַאר יוֹנָה הַנָבִיא עֶר זָאל גֵיין אִין דִי שְׁטָאט "נִינְוֵה" אוּן עֶר זָאל אוֹיסְרוּפְן אַז אוֹיב דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְן נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּהְן וֶועט זֵייעֶר שְׁטָאט חָרוּב וֶוערְן נָאךְ פֶערְצִיג טֶעג.



יונה הנביא לויפט אוועק פון ארץ ישראל

יוֹנָה הַנָּבִיא הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין, וַוייל עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז אוֹיבּ דִי גוֹיִם וֶועלְן תְּשׁוּבָה טוּהְן וֶועלְן דִי מַלְאָכִים אוֹיבְן אִין הִימְל רֶעדְן שְׁלֶעכְטְ׳ס אוֹיף דִי אִידְן.

דִי מַלְאָכִים וֶועלְן זָאגְן אַז דִי גוֹיִם טוּהֶען תְּשׁוּבָה אוּן דִי אִידְן טוּהֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט תְּשׁוּבָה, וֶועגְן דֶעם אִיז יוֹנָה הַנָּבִיא אַנְטְלָאפְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל מֶער נִישְׁט רֶעדְן צוּ אִים.

יוֹנָה הַנָּבִיא אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בְּרֶעג יַם, הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַ שִׁיף וָואס גֵייט פָארְן צוּ דִי שְׁטָאט "תַּרְשִׁישׁ", הָאט יוֹנָה הַנָּבִיא בַּאצָאלְט אַסַאךְ גֶעלְט אַז דִי שִׁיף זָאל שׁוֹין אַרוֹיסְפָארְן מִיט אִים צוּזַאמֶען קַיין תַּרְשִׁישׁ.

וֶוען דִי שִׁיף אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִינְמִיטְן יַם, הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעשִׁיקְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁטוּרֶעם וִוינְט אוֹיפְ׳ן יַם, דִי שִׁיף הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען שָׁאקְלֶען אוּן וַוארְפְן זֵייעֶר שְׁטַארְק.

עֶס הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָוארְפְן אַז סְ׳אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אַז דִי שִׁיף זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְטְרִינְקֶען.

אַלֶע גוֹיִם הָאבְן אָנְגֶעהוֹיבְן צוּ דַאוֶונֶען אוּן צוּ שְׁרַייעֶן צוּ זֵייעֶרֶע גֶעטְשְׁקֶעס, אָבֶּער עֶס הָאט זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן.

דִי מֶענְטְשְׁן פוּן שִׁיף הָאבְן אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן שִׁיף אַלֶע שְׁוֶוערֶע רֶענְצְלֶעךְ מִיט דִי אַנְדֶערֶע שְׁוֶוערֶע זַאכְן כְּדֵי צוּ גְרִינְגֶער מַאכְן דִי שִׁיף אָבֶּער עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן.



ער צאלט געלט ער זאל קענען ארויפגיין אויף די שיף



די שיף שאקלט זיך פון די שרעקליכע שטורעם ווינט

װֶען יוֹנָה הַנָבִיא הָאט גֶעזֶעהְן דֶעם גַאנְצְן אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ װָאס עֶס טוּהְט זִיךְ אוֹיף דִי שִׁיף אִיז עֶר אַרָאפּ גֶעגַאנְגֶען אִין אַ בַּאהַאלְטֶענֶע װִינְקְל אִין דִי שִׁיף אוּן עֶר אִיז דָארְט אַיינְגֶעשְׁלָאפְן.

װֶען דֶער שִׁיף׳ס קַאפִּיטַאן הָאט אִים בַּאמֶערְקְט שְׁלָאפְן׳דִיג רוּפְט עֶר זִיךְ אָן צוּ יוֹנָה: ״װָאס שְׁלָאפְסְטוּ? שְׁטֵיי אוֹיף אוּן דַאוֶונֶען צוּ דַיין גָאט אַז דִי שְׁטוּרֶעם װִינְט זָאל זִיךְ אוֹיפְהֶערְן, כְּדֵי מִיר זָאלְן חָלִילָה נִישְׁט שְׁטַארְבְּן״.

דִי גוֹיִם הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ הַגְרָלָה צוּ זֶעהְן װֶעגְן װֶעמֶענְס שׁוּלְד אִיז גֶעוָוארְן דֶער שְׁטוּרֶעם װִינְט, מְ׳הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַלֶע נֶעמֶען פוּן דִי מֶענְטְשְׁן װָאס הָאבְּן זִיךְ גֶעפִינֶען אוֹיף דִי שִׁיף, אִין דִי גוֹרָל אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער נָאמֶען ״יוֹנָה״.

הָאבְּן אַלֶע גוֹיִם גֶעפְרֶעגְט פַאר יוֹנָה: ״פוּן װאוּ קוּמְסְטוּ? פַארְוָואס בִּיסְטוּ שׁוּלְדִיג?״ הָאט זֵיי יוֹנָה הַנָבִיא דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אַנְטְלוֹיפְט יֶעצְט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וַוייל עֶר וִויל נִישְׁט פָאלְגְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֵיין װאוּ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעשִׁיקְט.

הָאבְּן דִי גוֹיִם אִים גֶעפְרֶעגְט: ״װָאס זָאלְן מִיר טוּהְן צוּ אָפְּהַאלְטְן דֶעם שְׁטוּרֶעם?״ הָאט יוֹנָה הַנָבִיא גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל אִים אַרַיינְוַוארְפְן אִין יַם דֶעמָאלְט׳ס װֶעט זִיךְ דֶער יַם בַּארוּאִיגְן.



די מענטשן פון די שיף בעטן פאר יונה ער זאל דאווענען צום באשעפער



מען מאכט דעם גורל און עס קומט אויס אז יונה הנביא איז שולדיג

הָאבְּן דִי גוֹיִם גֶעוָואלְט צוּרִיק פָּארְן צוּם בְּרֶעג יַם און דָארְט אַרָאפּ לֵייגְן יוֹנָה הַנָבִיא אָבֶער דֶער שְׁטוּרֶעם אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק, אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ גֶעוֶוען צוּרִיק צוּפָּארְן בִּיז צוּם בְּרֶעג יַם.

הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען יוֹנָה הַנָבִיא און אִים צוּגֶעבִּינְדְן צוּ אַ שְׁטְרִיק און אִים אַרוֹיס גֶעלֵייגְט פוּן דִי שִׁיף, אָבֶער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אַרַיינְגֶעוָוארְפְן יוֹנָה הַנָבִיא אִין יַם, און דֶער שְׁטוּרֶעם הָאט זִיךְ גְלַייךְ בַּארוּאִיגְט.

וֶוען דִי מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם שִׁיף הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז דֶער שְׁטוּרֶעם הָאט זִיךְ בַּארוּאִיגְט הָאבְּן זֵיי צוּרִיק אַרוֹיף גֶעצוֹיגְן יוֹנָה הַנָבִיא אוֹיף דִי שִׁיף, אָבֶער וִוי נָאר יוֹנָה הַנָבִיא אִיז צוּרִיק גֶעוֶוען אוֹיף דִי שִׁיף הָאט דֶער שְׁטוּרֶעם זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאנֵייט זֵייעֶר שְׁטַארְק.

הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם שִׁיף גֶעזֶעהְן אַז יוֹנָה הַנָבִיא אִיז דֶער וָואס אִיז שׁוּלְדִיג אִינֶעם גְרוֹיסְן שְׁטוּרֶעם, הָאבְּן זֵיי אִים אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין יַם, און דִי שְׁטוּרֶעם הָאט זִיךְ בַּאלְד אוֹיפְגֶעהֶערְט.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְטֶער גֶעשִׁיקְט אַ גְרוֹיסֶע פִישׁ וָואס הָאט אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען יוֹנָה הַנָבִיא אִין אִיר בּוֹיךְ. דְרֵיי טֶעג און דְרֵיי נֶעכְט אִיז יוֹנָה הַנָבִיא גֶעוֶוען אִין דִי בּוֹיךְ פוּן דִי פִישׁ.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר יוֹנָה הַנָבִיא אִין דִי דְרַיי טֶעג אוּן דְרַיי נֶעכְט וְוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דִי בּוֹיךְ פוּן דִי פִישׁ צוּ עֶסְן מָן.

יוֹנָה הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן: "רַאטֶעוֶוע מִיר פוּן דִי סַכָּנָה, אוּן אִיךְ וֶועל גְלַייךְ גֵיין צוּ דִי שְׁטָאט נִינְוֵה, זָאגְן פַאר דִי גוֹיִם זֵיי זָאלְן תְשׁוּבָה טוּהְן..."

עֶר הָאט אוֹיךְ צוּגֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים רַאטֶעוֶוען פוּן דִי גְרוֹיסֶע סַכָּנָה וָואס עֶר גֶעפִינְט זִיךְ וֶועט עֶר מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת וֶוען עֶר וֶועט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן"

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעהֶערְט דִי תְּפִלָּה פוּן יוֹנָה הַנָבִיא, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי פִישׁ זָאל אוֹיסְשְׁפֵּייעֶן יוֹנָה הַנָבִיא, הָאט דִי פִישׁ אִים גֶעגֶעבְּן אַ שְׁפֵּיי אוֹיס אוֹיף דֶעם בְּרֶעג יַם.

יוֹנָה הַנָבִיא אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי שְׁטָאט נִינְוֵה אַזוֹי וְוִי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהֵייסְן אִין דִי גַאסְן פוּן דִי שְׁטָאט נִינְוֵה הָאט עֶר אוֹיסְגֶערוּפְן: "נָאךְ פֶערְצִיג טֶעג אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּהְן וֶועט דִי שְׁטָאט חָרוּב וֶוערְן ".

אַלֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט פַאר יוֹנָה הַנָבִיא, אוּן הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶערְשְׁרָאקְן, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען אוּן צוּ תְּשׁוּבָה טוּהְן, עֶס אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע




יונה הנביא טוט תשובה אין די בויך פון די פיש



די פיש שפייט אויס יונה הנביא אויף די ברעג פונעם ים

טוּמְל אוּן שְׁטָאט אַז אֲפִילוּ דֶער קֶענִיג הָאט דֶערְפוּן גֶעהֶערְט.

דֶער קֶענִיג אִיז אַרָאפּ פוּן זַיין קֶענִיגְ׳לִיכְן בֶּענְקל, אוּן הָאט אוֹיסְגֶעטָאן דִי קְרוֹין פוּן זַיין קָאפּ אוּן זַיינֶע שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, עֶר הָאט גֶעלֵייגְט אַש אוֹיף זַיין קָאפּ אוּן זִיךְ אָנְגֶעטָאן אַ זַאק, אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דִי עֶרְד.

דֶער קֶענִיג הָאט בַּאפוֹילְן אַז אַלֶע מֶענְטְשְׁן אוּן קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אָנְטָאן זֶעק אוּן פַאסְטְן דְרֵיי טֶעג אוּן גָאר שְׁטַארְק תְּשׁוּבָה טוּהְן, אַזוֹי וֶועט מֶען אֶפְשָׁר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי גְזֵירָה.

אַלֶע הָאבְן טַאקֶע אוֹיסְגֶעפָאלְגְט דֶעם קֶענִיג׳ס רֵייד, זֵיי הָאבְן גֶעפַאסְט אוּן תְּשׁוּבָה גֶעטָאן, זֵיי הָאבְן זִיךְ צוּרִיקְגֶעגֶעבְן אַלֶעס וָואס זֵיי הָאבְן גֶע׳גַנְבֶ׳עט אֵיינֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעקוּקְט צוּ זֵייעֶר תְּשׁוּבָה, אוּן הָאט זֵיי מוֹחֵל גֶעוֶוען, אוּן מְבַטֵל גֶעוֶוען דִי גְזֵירָה אַז דִי שְׁטָאט דַארְף חָרוּב וֶוערְן.

וֶוען יוֹנָה הַנָּבִיא הָאט גֶעזֶעהְן אַז דִי גוֹיִם הָאבְן תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מְבַטֵל גֶעוֶוען דִי גְזֵירָה, אוּן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֵייט נִישְׁט חָרוּב מַאכְן דִי שְׁטָאט, הָאט אִים דָאס וֵויי גֶעטוּהְן.

וַוייל יֶעצְט וֶועט מֶען זָאגְן אַז יוֹנָה הַנָּבִיא אִיז אַ פַאלְשֶׁער




דער קעניג זעצט זיך אראפ אויף די ערד מיט א זאַק און אש




די גוים פון די שטאט נינוה געבן צוריק אלעס וואס זיי האבן גע'גנב'עט

נָבִיא, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט חָרוּב מַאכְן דִי שְׁטָאט אוּן סְ'אִיז בִּכְלָל נִישְׁט אֱמֶת, דִי שְׁטָאט וֶוערְט נִישְׁט חָרוּב.

הָאט יוֹנָה הַנָבִיא גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל נִפְטַר וֶוערְן פוּן דִי וֶועלְט, אוּן יוֹנָה הַנָבִיא אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט אוּנְטֶער אַ קְלֵיינֶע סוּכָּה'לֶע דִי זוּן זָאל נִישְׁט שַׁיינֶען אוֹיף אִים.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעוָואקְסְן אַ סָארְט בּוֹים מִיט גְרוֹיסֶע בְּלֶעטֶער אוּן דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַ שָׁאטְן אוֹיף יוֹנָה הַנָבִיא, אוּן יוֹנָה הַנָבִיא הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דֶעם בּוֹים.

אִינְדֶערְפְרִי אִיז אַרַיין אַ קְלֵיין וֶוערֶעם אִין דִי בּוֹים אוּן הָאט אוֹיפְגֶעגֶעסְן דִי בּוֹים פוּן אִינְעוֵוייניג אוּן סְ'אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן דִי בּוֹים, וֶוען יוֹנָה הָאט דָאס גֶעזֶעהְן הָאט אִים דָאס זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּהְן אַז אַ בּוֹים וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן.

הָאט אִים דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט דָאס וִויל אִיךְ דִיר וַוייזְן אַז וֶוען אַ בּוֹים פַאלְט אַרָאפּ טוּט דִיר וֵויי אַז אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאב בַּאשַׁאפְן וֶוערְט חָרוּב, אִיז אַוַודַאי וֶוען מֶען צוּבְּרֶעכְט אוּן מֶען מַאכְט חָרוּב אַ גַאנְצֶע שְׁטָאט דַארְף דִיר דָאס וֵויי טוּהְן.

אוּן דוּ דַארְפְסְט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דִי מֶענְטְשְׁן פוּן נִינְוֵה הָאבְּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן אוּן אִיךְ דַארְף נִישְׁט חָרוּב מַאכְן דִי שְׁטָאט, אוּן נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז מֶען וֶועט זָאגְן אַז דִי בִּיזְט אַ פַאלְשֶׁער נָבִיא.




יונה הנביא זיצט אינטער די סוכה'לע און די בוים וואס ס'איז געוואקסן

די בילדער איז גענומען פון די ביכל:

## "א הילף פאר דעם קינד"

## "חינוך הילדים" פון ר' שלמה קנעפלער